STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00161

DI GEULE KOMEDYE

H. Leivick

Permanent preservation of this book was made possible by
Ruth & Martin Perlman
in memory of
Morris & Yetta Katz

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ל. משטיין
שיקאגא

ה. לייוויק

די גאולה קאמעדיע
(דער גולם חלומט)

יידישע קולטור געזעלשאפט
ביכער אויסגאבעס

פארלאג ל. מ. שטיין · שיקאגא

יידישע קולטור־געזעלשאַפט
ביכער־אויסגאבעס דורך דעם פאַרלאַג ל. מ. שטיין
ארויסגעגעבן אין פופצן הונדערט עקזעמפּלאַרן,
געזעצט און געדרוקט אין דער דרוקעריי פון דער
„פּיערסייד פּרינטינג קא.“ אין דעם יאָר ניינצן
הונדערט דרייסיק פיר. שיקאַגא. תרצ״ד.

COPYRIGHT 1934 BY
H. LEIVICK, NEW YORK, N. Y.
PRINTED IN U. S. A.

H. LEIVICK—DI GEULE-KOMEDIE.
THE COMEDY OF REDEMPTION—
YIDDISH CULTURE SOCIETY
L. M. STEIN, PUBLISHER, CHICAGO, ILL., 1934

די „גאולה קאָמעדיע" איז דער צווייטער טייל פון דער דראַמאַטישער פּאָעמע „דער גולם". די האַנדלונג איז איבערגעוואָרפן אין דער ווייטער ווייט אריין. דער גולם איז דאָ שוין ניט די צענטראַלע פיגור, נאָר דער, דורך וועמען און אין וועמען די פּאַסירונגען שפּיגלען זיך אָפּ און שלאָגן זיך אָפּ אויף צוריק.

די הויפּט פּערזאָן פון דער האַנדלונג איצט איז די משיח־געשטאַלט אליין.

* * *

אין ערשטן טייל „גולם" איז משיח געווען נאָר אן עפּיזאָדישע פיגור. ער האָט זיך באַוויזן אויף איין מאָמענט נאָר אין באַגלייטונג פון דעם אַלטן אליהו הנביא, און איז גלייך דורכן מהר"ל אַוועקגעטריבן געוואָרן אין מדבר אריין צוריק. אָט דער מאָמענט איז דעמלט פאַר דעם גולם געווען אן אַנטשיידנדיקער; ער איז אָנגעשטעקט געוואָרן מיט טיפער משיח־בענקשאַפט און איז אריינגעפאַלן אין נאָך א גרע־סערן אומרו. דערנאָך ווען ער איז, א באַזיגטער פון מהר"ל, ארויפגעטראָגן געוואָרן א געליימטער אויפן בוידעם, און איז דאָרט אויף שטענדיק איבערגעבליבן ליגן — איז אין אים, אין די פאַרבאָרגענישן פון זיך, אין משך פון הונדערטער־הונדערטער יאָרן, לאַנגזאַם געוואקסן די בענקשאַפט צו אויפ־כאַפּן זיך פון דער טויטער פאַרגליווערטקייט צו א נייעם

צווייטן לעבן; און צוזאמען מיט דער בענקשאפט איז גע־וואקסן אין אים דער חלום וועגן משיח בן דוד.

* * *

דאס חלומען פון דעם גולם דארף פארשטאנען ווערן ניט גלאט ווי א דראמאטישער בינע מיטל, נאר ווי א צושטאנד, וואס איז פארבונדן מיטן עצם מהות פון דער גולם-געשטאלט. ער וויל ווערן אוים גולם. ער ווערט. ער שטייט אויף, און זעצט פאר חלומען אי וועגן זיך, אי וועגן משיח בן דוד, אין וועמענס געשטאלט ער טרוימט זיך אינגאנצן אריין ביז פי־זישער ענלעכקייט. ער גיט א שפאן — און משיח בן דוד אנטפלעקט זיך פאר אים. —

חלום ווערט װאר. — משיח בן דוד קומט. — —

* * *

אין סוף פון די טעג, דערציילט די לעגענדע, וועט די וועלט זיין אונטער דער ממשלה פון די טיראנען גוג און מגוג, און ס'וועט אנשטיין משיחס צייט. אפריער וועט קומען משיח בן יוסף. ער וועט זיין דער פארגייער. ער וועט אומברענגען גוג און מגוג, אבער די וועלט וועט ניט ווערן באפרייט. משיח בן יוסף וועט אליין ווערן דארשטיק נאך מאכט און הערשאפט און וואוילטאג. ער וועט ווערן אליין א רשע. דעמלט וועט אנשטיין דער טאג פון משיח בן דוד, און משיח בן יוסף וועט אומקומען. — —

* * *

אין די געשעענישן נעמט אנטייל א פערזאן מיטן נא־מען ארמילוס. די לעגענדע רופט אים ארמילוס דער רשע. ער

קומט ארויס פון א שטיין, וואס האט דעם אויסזען פון א פרוי.

אין דער פאעמע אבער הייסט ער ניט רשע, נאר אר־מילום דער נביא, — נ ב י א פ ו ן א י י ב י ק ן ה י י נ ט.

* * *

דאס ווארט משיח באשטייט פון פיר בוכשטאבן, וואס באצייכענען פיר נעמען: מנחם, שילו, ינון, חנינה. —

איך האב אויסגעקליבן פאר משיח בן דוד דעם נאמען חנינה. חנינה באטייט: רו, שיינקייט, חן, רחמים, שטיל־קייט.

* * *

דבורהל שטאמט ארויס פון דער אמאליקער משפחה מהר״ל. אויף דעם בוידעם פון איר שטוב ליגט דער גולם און חלומט. פון איר בוידעם שפאנט ער אראפ און גייט נאך חנינה משיח בן דוד, און ברענגט אים צו איר שוועל. איר דיל — דער ערשטער דיל פון א ש ט ו ב, וואס חנינה באטרעט; איר האנט — די ערשטע האנט, וואס רירט זיך צו צו אים מיט אויפגעציטערטער ליבשאפט. — —

ה. ל.

ניו־יארק—דענווער
1930־1932

„אין בן דוד בא אלא בדור שכולו זכאי
או כולו חיב".

סנהדרין. דף צ"ח

דראַמאַטישע פּאָעמע

אין עלף בילדער

I בײדעם

II ארמילוס

III לבנה אין די שװבן

IV תּליון זינגט

V געפאַנגענער

VI בן יוסף — בן דוד

VII חיב

VIII ליבשאַפט

IX שטילקײט

X זכאי

XI רויטער װײַן

פ ע ר ז אָ נ ע ן

יאָסעלע — דער גולם וואָס חלומט

חנינה — משיח בן דוד

דבורהל — אָפּשטאָם פון מהר"ל, משיח בן דודס באַשיצערין

משיח בן יוסף

לילית — משיח בן יוספס באַגלייטערין

ארמילוס — נביא פון אייביקן היינט

דער בלינדער אַלטינקער — אליהו הנביא

דער תליון

גוג און מגוג — לעצטע טיראַנען

היל, פאַלקסמאַסן, קינדער

ק ו מ ט פ א ר א י ן מ ש י ח ס צ י י ט

בוידעם פון דבורהלס שטוב

נאכט

אין א ווינקל, איבערגעדעקט מיט שמות

מיטן קאפ אראפגערוקט ליגט דער גולם און חלומט

בילד איינס

פון דרויסן הערט זיך באמבארדירנדיקע שיסעריי. דורך די שפּאַלטן פון דאַך רייסן זיך ערשטע שטראַלן פון טאָג. משיח בן יוסף, לילית און אַ גרופּע אָנהענגער בן יוספס (אויסגעהונגערטע, אָפּגעריסענע פּאַלקסלייט) ליגן פּאַרטוליעט אין אַ צווייטן ווינקל פון בוידעם, באַהאַלטן זיך אויס פון מלך מגוגס צאָרן. בן יוסף איז הויך, פעסט, געקליידט אין טונקל־גרוי, מיליטעריש

איינער

טאָג שוין ווידער.

צווייטער

און קיין שינוי.

לילית

מיר קומען אום.

משיח בן יוסף

ניט קלאָגן. די גאולה קומט.

לילית

די גאולה קומט און דער גואל איז אויפן בוידעם.

משיח בן יוסף

געדולד.

לילית

אפילו דבורהל קומט ניט מער אַהער.
און ברענגט ניט מער קיין ברויט מיט וואַסער.

משיח בן יוסף

מסתמא האָט זי ניט.

לילית

אזוי זעט צו דאָס פאָלק זיין גואל.

משיח בן יוסף

דאָס פאָלק אליין גייט אוים פון הונגער.

לילית

דער מלך מגוג וועט דיך כאַפּן, וועט דיך קעפּן,
און ס'פאָלק וועט צוקוקן און שווייגן.
(רופט)
נביא! נביא!
(קיינער רופט זיך ניט אָפּ)

אַלע (אין פארוואונדערונג)
ניטאָ דער נביא.

משיח בן יוסף

וואָס הייסט ניטאָ? געלעגן דאָ מיט אונדז די גאַנצע צייט.
ער שלאָפט מסתמא ערגעץ אין אַ ווינקל.
(רופט)
ארמילוס! נביא!
אָט ערשט מיט אים גערעדט, געהערט די רייד זיינע,
די רייד פון טרייסט, די רייד פון טרייהייט.
(קוקט זיך ארום אומרואיק)
נביא, ענטפער! ארמילוס, ארמילוס!

אַלע

ניטאָ דער נביא.

לילית

אומגליק קומט.

ערשטער

פאַרראַט.

צווייטער

(רוקט אַריין זיין קאָפּ אין דער עפענונג, וואָס פירט אַרונטער אין שטוב)

דבורהל, באַשיצעריז, מיר זיינען הונגעריק!

(קיין ענטפער)

צי אפשר האָסטו גאָר פאַרגעסן ווער משיח איז?
צי אפשר דאַרף איך דיר דערמאָנען נאָכאַמאָל
דעם גזע דיינעם, גזע פון מהר"ל?

(דער באַרג שמות הויבט זיך מיטאַמאָל אָן צו ריַרן. דעם גולמס קאָפּ — צו אַרויסשטרעקן זיך מערער)

משיח בן יוסף

(שטעלט זיך אויף. טיילט זיך אָפּ. רופט מיט אַ טיפן קול)

חנינה, משיח בן דוד, מיין ברודער פון מדבר,
דערנענטער די שעה פון דיין קומען,
אַז דיר בין איך עלנט, פאַרפאַלגט און פאַרמשפּט.
אַז דיר קאָן די אמתע גאולה ניט אָנהויבן זיך.

לילית

כ'וויל ניט הערן זיין נאָמען.
ביזט איינער — דער איינציקער גואל.

משיח בן יוסף (אין פריערדיקן טאָן)

חנינה, משיח בן דוד, מיין ברודער פון מדבר,
דיין אָנזאָגער בין איך, דיין פאַרגייער בין איך.
בין צוגרייטן געקומען די וועלט פאַר דיר,
זי דורכפירן דורך רשעות, דורך חיב,
און איבערגעבן זי צו דיר אין די הענט פון זכאי.
דאַרף איך טראָגן אַליין דאָס גאַנצע חיב?

דאַרף איך זיין אפשר אַליין דער חיב ? . . .
איך בין שוין געקומען,
שוין געליטן.
איך בין אפילו שוין פאַרראַטן, ברודער מיינער.
זעסט, אַט איז בוידעם,
דערנאָך וועט, מסתמא, זיין תּפיסה,
און נאָכדעם, מסתמא, די האַק פונם תליון,
אויב דו וועסט ניט קומען באַצייטנס.

(פון אונטערן בערגל שמות דערהערט זיך אַ מאָדנע שטים, אַזוי ווי אַ קרעכץ פון אַ פאַרזונקענעם אין שלאָף. אַלע ציטערן אויף, נאָר איידער זיי האָבן צייט ארומצוקוקן זיך, צעטראָגט זיך אַ שטורעם איבערן בוידעם. דבורהל קומט ארויף)

דבורהל

דאָס חיל פון מגוג רינגלט ארום דאָס הויז.

לילית

דער נביא האָט אונדז פאַרראַטן.

דבורהל

ארמילוס — אייביקער פאַררעטער.

משיח בן יוסף

אַלע ארונטער, ברידער.

(אַ טייל פון דאַך ווערט אַראָפּגעריסן. אַלע נעמען ארונטערגיין. דאָס בערגל שמות צעפּליט זיך און עס אַנטפּלעקט זיך אַ פאַרגליווערטער גוף פון אַ מענטשן. בן יוסף און דבורהל, איבערגעבליבע־נע צו לעצט, דערזעען עס)

משיח בן יוסף (מיט שרעק)

ווער איז דאָס?

דבורהל

איר זעט דעז ניט? — ליים.

משיח בן יוסף

ניט ליים, נאָר אַ מענטש.
מיינע אויערן פאַרנעמען זיין אָטעם.

דבורהל

ער ליגט שוין אַזוי־אָ ווער ווייסט ווי לאַנג,
ניט צענדליקער יאָרן, נאָר הונדערטער.

משיח בן יוסף

הונדערטער?

דבורהל

אַזוי ווערט דערציילט אין אונדזער משפחה.
ווערט איבערגעגעבן פון דור צו דור.
באַשאַפן האָט אים איינער פון אונדזערע זיידעס,
אים אויסגעהאַקט פון ליים, אים אַריינגעגעבן לעבן,
געהייסן אים האָלץ האַקן, וואַסער טראָגן.
און בסוד אים געפירט דורך די שווערסטע נסיונות,
דורך עלנט, דורך בענקשאַפט, צוריק צו ליים.
פון דור צו דור אַזוי ליגט ער פאַרגליווערט,
יעדער דור טראָגט אים איבער פון בוידעם צו בוידעם,
פאַרדעקט אים מיט שמות, פאַרגעסט זיך אַז אים;
אַזוי האָב איך אויך זיך אינגאַנצן פאַרגעסן,
אַז ס'ליגט אויף מיין בוידעם דער גוף פון ליים.

(משיח בן יוסף בויגט זיך איבערן גוף, נעמט אַן
אַ האַנט. ווי נאָר ער רירט זיך צו, לויפט דורך אַ
ציטער איבער דער האַנט, זי הויבט אַן אויס־
שטרעקן זיך, הויבן זיך אין דער הייך)

משיח בן יוסף

אַ טויטע האַנט און ציטערט!

צי באַטייט עס ניט אָנזאָג פון תחית המתים?
(מיט פרייד) אָנזאָג, אָנזאָג
אויפן קומען פון משיח בן דוד!
(אַפּ. דבורהל בלייבט אליין)

דבורהל

(פאַרדעקט דאָס פנים מיט די הענט, מורמלט נאָך)

אויפן קומען פון משיח בן דוד.

גוף פון לײם

משיח בן דוד.

דבורהל (אין פאַרכאַפּטן שרעק)

גוף פון ליים רעדט.

גוף פון לײם

ניט ליים.

דבורהל

ווער ביזטו?

גוף

דער וואָס חלומט.

דבורהל

וועגן וואָס חלומסטו?

גוף

וועגן אויפשטיין, לעבן.

דבורהל

וועגן וועמען חלומסטו?

גוף

וועגן משיח בן דוד.

דבורהל

ווער ביזטו?

גוף

משיח בן דוד.

(אויפרייסנדיקע פייערן נעמען זיך דרייען איבערן אפּגעדעקטן בוידעם, גיבן אַ הויב אויף דעם גוף און אַ וואַרף צוריק אַנידער. אויף אַ ווײַלע ווערט שטאַק פינצטער. ווען עס ווערט צוריק באַגינענדיק ליכטיק, דערזעט מען: דער גוף זיצט אַן אויפ־געוואַכטער, צום לעבן געקומענער. אַ פּנים — אויסגעלייטערט און ליכטיק. אויגן — טיפע, גוטע, קינדישע, קומען פון אַ וועלט פון אומענדלעכן חלום)

אויפגעוואַכטער

ליכט. ליכט.

באַגינען.

וואו בין איך?

וואו בין איך?

אַ קול האָט מיך אויפגעוועקט.

אַ קול האָט גערופן: משיח בן דוד.

אַ קול האָט גערופן: חנינה.

און איך בין... יאָסעלע . . .

יאָסעלע, יאָסעלע...

(דערזעט דבורהלען, ווערט דורכגענומען מיט אַנט־ציקונג, שטעלט זיך אויף, אַ שלאַנקער, אַ דינער)

דבורהלע!

דבורהל

איך האָב מורא.

יאָסעלע

האָב ניט מורא.

דבורהל

פון וואנען ווייסט איר מיין נאָמען ?

יאָסעלע

זעסט אוים ווי דבורהל, וואָס איך האָב ליב געהאַט

דבורהל

ליב געהאַט ?

יאָסעלע

צי ביזטו ניט דבורהל ?

דבורהל

יע, אָבער אַן אַנדערע, ניט די וואָס איר מיינט.

יאָסעלע

איך בין אויך אַן אַנדערער.

דבורהל

איז דאָס אמת וואָס מיינע אויגן זעען ?
ווער זיינט איר ?
געווען ליים אַ שטיק — אַט דאָ געלעגן . . .
א . . . א . . .

יאָסעלע (שמייכלט)

אַ גולם.
דאָס איז געווען אַמאָל.
יאָסעלע גולם.
און איצט — יאָסעלע אַליין.
יאָסעלע, יאָסעלע.

דבורהל

ווי ס׳איז פאַרשריבן אין ספר ביי אונדז.

יאָסעלע

אויך דער רבי איז דאָ?

דבורהל

וועלכער רבי?

יאָסעלע

דער מהר"ל פון פּראָג.

דבורהל

אפשר פיר הונדערט יאָר אַוועק שוין,
אַזוי איז פאַרשריבן אין ספר ביי אונדז.

יאָסעלע

ניטאָ מער דער מהר"ל?

דבורהל

ניטאָ.

יאָסעלע

איך פריי מיך וואָס מהר"ל איז ניטאָ.
און וואָס דבורהלע איז אייביק דאָ.

(שפּאַנט־צו צו דבורהלען, וויל אַרויפלייגן זיינע
הענט אויף אירע אַקסלען, נעמט זיך וואַקלען און
פאַלן)

דבורהל

(האַלט אים אונטער, אַליין נאָך ניט באַהערשט
פון איר שרעק)
וואָס איז מיט אייך?

יאָסעלע

עס ליגט נאָך דער טויט אויפן האַרצן.
האַלט מיך צו.

דבורהל

פאַלט ניט.

יאָסעלע

ניין, איך פאַל ניט.

דבורהל

אייערע הענט זיינען טאַקע ווארימע, ווייסע.

יאָסעלע

גוט וואָס דו זאָגסט עס.

(פּויזע)

וואָס פאַר אַ צייט איז איצט?

דבורהל

משיחס צייט.

יאָסעלע

ער איז שוין געקומען — משיח?

דבורהל

משיח בן יוסף איז געקומען.

יאָסעלע

און משיח בן דוד?

דבורהל

פון וואַנען ווייסט איר צו פרעגן?

יאָסעלע

איך בין איינער פון זיי.

דבורהל

צי זע איך עס ניט אין חלום אליע?

יאָסעלע

איך אליין חלום.
און די וועלט צוזאַמען מיט מיר חלומט.
משיח בן דוד איז נאָך ניט געקומען?

דבורהל

נאָך ניט געקומען.

יאָסעלע

און ער באַווייזט זיך ניט?

דבורהל

ניין. און די וועלט ווערט חרוב
אין הונגער און מלחמות פון גוג און מגוג.
און אַז בן דוד קומט אום אויך בן יוסף.

יאָסעלע

איך וועל אים ברענגען.

דבורהל

וועמען?

יאָסעלע

איך וועל ברענגען משיח בן דוד.

דבורהל

ער איז ווייט.
ער איז אין מדבר.
ער איז פאַרשמידט אויף אַ קייט.

יאָסעלע

איך וועל געבן א שפּאָז.

(גיט א כאַפּ דבורהלען פאַר די הענט)

דבורהלע, דבורהלע.
כ'האָב דיך געהאַלטן אַמאָל אין מיינע אָרעמס.
א מינוט פאַרן טויט.

דבורהל (באַפרייט זיך פון זיינע הענט)

מענטש, אייך חלומט זיך עס.

יאָסעלע

אַלץ, וואָס מיר חלומט זיך, איז אמת.
דער טויט איז געווען און ווידער אַוועקגעגאַנגען.
א זיסער און ליכטיקער שלאָף איז געקומען דערנאָך.
כ'האָב אין חלום ניט אויפגעהערט צו זען,
ווי איך וואַרט אויף דיר, דבורהל.
וועל איך וואַרטן געדולדיק אויך ווייטער.
זאָל די טיר פון דיין שטוב זיין אָפן.

דבורהל

מיין שטוב איז אַלע מאָל אָפן.

יאָסעלע

איך וועל ברענגען אין שטוב צו דיר א טייערן גאַסט,
און אליין וועל איך בלייבן ביים שוועל.
איך האָב דיך ליב, דבורהלע.
אָבער — דו זאָלסט ליב האָבן דעם טייערן גאַסט...

(ער גיט א שפּאַן און ווערט ניט. אויך דער בוי־דעם פאַרשווינדט. עס אַנטפּלעקט זיך א מדבר. ריזיקע נאַקעטע פעלזן. צווישן פעלזן, ווי צווישן ווענט פון א תפיסה, ליגט חנינה, משיח בן דוד.

און שלאָפט. אַ לאַנגע קייט שמידט אים צו די פיס צו די פּעלזן. זון גייט אויף. איבער חנינהס קאָפּ וואַקסט אויס יאָסעלע)

יאָסעלע

שטיי אויף.

חנינה

אַ, וואונדערלעכער חלום.

יאָסעלע

עפן די אויגן.

חנינה

אַ, חלום, ניט רייס זיך איבער.

יאָסעלע

חלום ווערט וואָר.
שוין טאָג.
די זון איז אויפגעגאַנגען.
שטיי אויף.
חנינה.
משיח בן דוד.

חנינה

ווער רופט מיך?

יאָסעלע

איך.

חנינה

ווער?

יאָסעלע

דערמאָן זיך — פּראָג, פּינפּער טורעם, מהר"ל.

חנינה (מיט שוידער כאַפּט זיך אויף)

איך וויל עס ניט דערמאָנען.

איך וויל ניט. איך וויל ניט.

ווער ביזטו?

יאָסעלע

איך בין ניט גולם מער.

איך בין יאָסעלע.

חנינה

וואָס וויל יאָסעלע?

יאָסעלע

איך בין געקומען נאָך דיר.

חנינה

ווער האָט יאָסעלען געשיקט?

יאָסעלע

איך אַליין.

חנינה

וואו איז יאָסעלע געווען ביז איצט?

יאָסעלע

געלעגן אויף די בוידעמער און געחלומט.

חנינה

און איצט?

יאָסעלע

גיב אַ קוק אויף מיר.

חנינה (קוקט זיך איין שאַרף)

זעסט אויס ווי איך.
אינגאַנצן ווי איך.
אוואו האָסטו גענומען מיין אויסזען?

יאָסעלע

אויסגעחלומט.

חנינה

און אויך דיין גוף
אזוי הויך און דאַר ווי מיינער,
אזוי הויך ווי מיינער. —

יאָסעלע

דער טויט, דער לאַנגער שלאָף,
דער עלנט האָט מיך אויסגעצערט ווי דיך.

חנינה

געדענקען וויל איך ניט,
אָבער פאַרגעסן קאָן איך ניט
דעם שרעק פון אונדזער לעצטן מאָל באַגעגענען זיך
אין אַלטן פראַג אַמאָל,
אין שטורעם און אין פינצטערניש פון פינפער־שלאָס.

יאָסעלע

און איך פאַרגעס אויך ניט דיין צער,
דיין שטומע בייזקייט, דיין אַוועקגיין
צוריק אהער אין מדבר. — כ׳האָב דיר נאָכגעשריגן,
גערופן דיך, געשטרעקט די הענט צו דיר,
געשלאָגן מיטן קאָפ אַן דיל, געיאָמערט.

חנינה

כ׳האָב געהערט.

יאָסעלע

א ליבשאַפֿט האָט זיך אָנגעצונדן אין מיין האַרץ
צו דיר פֿון דעמלט אָן.

חנינה

און אויך אין מיר א ליבשאַפֿט האָט זיך אָנגעצונדן.

יאָסעלע

צו וועמען?

חנינה

צו דיר.

יאָסעלע (אין התפעלות)

חנינה!

חנינה

כ'האָב געהערט דיין וואיען און דיין ראַנגלען זיך —
ווען ער, מהר"ל, האָט דיר געהייסן שטאַרבן.
געהערט דיין אויסהויכן דעם לעצטן אָטעם.
כ'האָב אויך געטאָן דאָס זעלבע,
כ'האָב אויך געטאָן וואָס דו:
א וואָרף געטאָן זיך צו דער ערד,
צו אַט די שטיינער, זעסט —
געיאָמערט, און דערנאָך — געוואָרן שטיל ווי דו.

יאָסעלע

און דער אַלטינקער וואו איז?

חנינה

געהייסן אים פֿון מיר אוועקגיין,
מיך איבערלאָזן זיין אליין — אויף גאַנצן עלנט.
זיין אליין — ווי דו.

יאָסעלע

אויף שטענדיק ?

חנינה

אויף שטענדיק.
ער קומט ביינאַכט אַמאָל
און ברענגט מיר ברויט מיט וואַסער.
ער קומט אַ שטומער און אַ בלינדער.
די אויגן זיינע האָט אים בלינד געמאַכט די גרויע צייט —
און איך האָב שטום געמאַכט זיין צונג,
ווי שטום איך האָב געמאַכט מיין אייגענע צונג.
ער קומט ביינאַכט אַמאָל —
קלאַפּט אָן מיטן בלינדן שטעקן,
ער לייגט אַוועק צוקאָפּנס מיר דאָס שטיקל ברויט.
און שפּאַנט אַוועק צוריק אַ שטומער.

יאָסעלע

אָבער איצט וועט ער מעגן צו דיר רעדן שוין.

חנינה

יע.

יאָסעלע

און זען דיך ?

חנינה

זען מיך וועט ער קיינמאָל שוין ניט זען.

יאָסעלע

שטיי אויף, איך וועל דיך אָפּבינדן פון קייט

חנינה

וועט פראַג מיך איצטער כאָטש דערקענען ?

יאָסעלע

ניטאָ מער פּראַג — די גאַנצע וועלט.

חנינה

דו האָסט אַ סימן, אַז מע וויל מיך?

יאָסעלע

כ'וועל די קייט דיינע צעררייסן,
וועט זיין דער ערשטער סימן.

חנינה

מיין קייט איז איין מאָל שוין געווען צעריסן,
און נאָכדעם ווידער זיך אַרויפגעטאָן אויף מיר.

יאָסעלע

מיין אויפשטיין זאָל דיר זיין אַ סימן.

חנינה

אַ סימן פון דער וועלט וויל איך.

יאָסעלע

בן יוסף איז געקומען שוין.

חנינה

רעד נאָך, דערציי̆ל —

יאָסעלע

מלחמות, הונגער, לעצטע אויסגעשרייען,
לעצטע תפילות, לעצטע האָפענונג — — —
און בן יוסף — אין סכנה — — —

חנינה (מיט אימפעט, גענודערט)

אָט דאָס איז דער סימן.
אָט דאָס —
שנעלער —
קום.

אַרמילוס

בילד צוויי

די טויערן פון וועלטשטאָט. פאַרביי די טויערן— ברייטער שליאַך. פון שליאַך טיילן זיך אָפּ זיי־ טיקע וועגן, פאַרצאַמטע מיט שטעכיקן דראָט, וואָס דרייען זיך איבער ניט הויכע בערגלעך. קעגנאיבער די טויערן, אויף דער צווייטער זייט שליאַך — די תפיסה. אין אַן אייזערנער פאַרטיפונג, ווי אַן איינגעמויערטער, שטייט דער תליון. אויפן אַקסל —אַ ביקס, אויפן גאַרטל—אַ האַק. ער איז גלייכ־ צייטיק תליון און וועכטער

באַגינען. נביא אַרמילוס, אַ מאַן פון מיטעלע יאָרן, מיט אַ פּנים וואָס האַלט זיך אָפּט אין בייטן און זעט אויס אָפט ווי צעשניטן, ווי געשטופּלט, שטייט מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט אין דער ריכטונג צום ברייטן שליאַך, וואו אַ רייטער אויף אַ גע־ זאָטלט פערד גרייט זיך אַוועקצולאָזן זיך אין דער ווייטקייט אריין

אַ מאַנטל פון שטאַרקן גרין דעקט צו דעם נביאס גוף פון די אַקסלען ביז צו די פיס אַרונטער. דער מאַנטל איז אין אַ סך ערטער צעשניטן. זיין קאָפּ איז באַדעקט מיט געדיכטע רויטע האָר, פייערדי־ קע. ער איז העסלעך, אָבער זיין העסלעכקייט באַ־ וועלטיקט, באַצויבערט כמעט, באַצווינגט ווי גורל. און אַמאָל דאַכט זיך אויס, אַז זיין פּנים איז שיין, שטראַלנדיק

נביא ארמילוס (צום רייטער)

גיי און זאָג צום מלך מגוג —
אַזוי האָט גערעדט דער נביא:
די זון איז אויפגעגאַנגען היינט
אין פּוילן ליכט איבער מגוגס קאָפּ.
עס קומט די לעצטע שלאַכט
און גוג וועט פאַלן היינט אין דער לעצטער שלאַכט.
אין שווערע קייטן זאָל דער מלך מגוג
אַרומדרייען די הענט און פיס פון גוג
און ברענגען אים אַהער.
זאָל שטאַרקן זיך דער מוט פון מלך מגוג,
דעם איינגעמער פון גאַר דער וועלט.
בן יוסף, דער פאַרפירערישער מורד,
דער פירער פון די אָרימע המונים,
וועט באַלד געבראַכט ווערן אַהער אין תפיסה,
און אָפּגעגעבן ווערן אין די הענט פון תליון.
דאָס פאָלק איז טריי דעם מלך מגוג
און וויל ניט קיין גאולות, קיין משיחים.
און אויך דער נביא איז געטריי דעם מלך מגוג
און שיקט זיין ברכה אים אין אַנהויב טאָג.
(רייטער אָפּ. נביא שפּאַנט אַרום פאַרביי דעם תליון)

תליון

ווער איז דאָ?

ארמילוס

איך, דער נביא.
זיי געבענטשט —

תליון

אַ דאַנק. אַבי מע רעדט
ביזט חבר מיט בן יוספן, זאָגסט נבואה אין זיין נאָמען.

ארמילוס

איך זאָג נבואה — אָבער ק ע ג ן אים.

תליון

זינט ווען ?

ארמילוס

דער עיקר איז דאָך היינט.

תליון

וואָלט גוט געפּאַסט מע זאָל דיך רופן „נביא היינט".

ארמילוס

כ'נעם אָן דעם נאָמען.

תליון

און איך בין נאָמענלאָז. און גוט אַזוי.
תליון — סתם אַזוי —
סתם איז שטאַרקער, זיכערער — בפרט נאָך
אין צייטן איצטיקע — משיחס צייטן — ווי מע זאָגט עס.

ארמילוס

וואָס מאַכן זיי אין תפיסה דאָרט ביי דיר
די משיחימניקעס, די בן־יוספניקעס ?

תליון (לאַכט)

זיי וואַרטן אויף משיחן.

ארמילוס

זיי וועלן לאַנג ניט וואַרטן שוין. ער קומט.

תליון

וואָס מיינט ?

ארמילוס

בן יוסף איז געכאַפּט. מע וועט אים ברענגען באַלד אַהער.

תליון

כ'האָב אָנגעגרייט שוין לאַנג אַ צעל פאַר אים.
אַ טייל פון זיינע מענטשן איז שוין גוט פאַרפּאַקט ביי מיר.

א מאדנע חברה: שלעפער, בעטלער, דארע באלמעלאכעס.
געפונען האט מען זיי פארשטעקטע אויף א בוידעם,
אויף דבורהל דער אלמנהס בוידעם. אזא איינפאל!
פארקריכן אויף א בוידעם, וואו עס וואלגערט זיך
דער ליימענער שטיק גולם. — איז דאס אמת?
מע זאגט, אז עפעס האט געטראפן מיט דעם ליימענעם —

ארמילוס (פלוצים)

ווארט, איך הער עפעס.

תליון

וואס הערסטו?

ארמילוס

וואס איך דערהער אמאל, קאנסטו ניט הערן.

תליון

ביזט בלייך געווארן. און דו ציטערסט.

ארמילוס

ווען איך ווער בלייך, נעם ציטערן,
פארנעם זיך דעמלט מיט דיין זאטן פרצוף
און טראג זיך אפ.

תליון

כ'וויל וויסן וואס דו הערסט.

ארמילוס (אין נביאות)

ער גייט, ער שפאנט, ער היפערט איבער בערג,
ער טראגט זיך ווי א ווינט אריבער יאמען.

תליון

ווער?

ארמילוס

דער מענטש, דער תמימותדיקער, ריינער,
דער קינדישער.
עס לויכטן אונטער זיינע טריט דעם מדברס זאמדן,
עס שטרעקן זיך צו אים די קעפ פון פעלזן;
און ער — ער טראגט דאס קינדיש הארץ אין זיך,
דאס לאכעדיקע, תמימותדיקע הארץ אין זיך,
און ווייסט ניט וואס צו טון מיט דעם...

תליון

אהערצו רוף אים —
איך וויים אליין ניט ווענען — אט דעם ריינעם, וואס דו זאגסט,
דעם קינדישן, דעם לאכעדיקן, וואס דו זעסט, —
און מירן שוין געפינען וואס צו טון מיט אים.

ארמילוס (ווילד פון כעס)

אוועק, מנובל!

(פלוצים צוריק געענדערט. הויבט אן שמייכלען,
אונטערטאנצן, נעמט ארום דעם תליון)

ביזט גערעכט, גערעכט, אהערצו זאל ער קומען.

(מיט היסטעריש געלעכטער)

און מירן שוין געפינען וואס צו טון מיט אים.

תליון

כ׳פארשטיי, פונדעסטוועגן, נאך אלץ ניט דיינע תנועות,
דיין ענדערן זיך אלע ווילע און דייןווארפן זיך.

ארמילוס

פארקריך אין דיין באהעלטעניש און שטיי דארט.

תליון

ווייזט אוים, ס׳איז טאקע אמת וואס מע רעדט אויף דיר.

ארמילוס

וואס רעדט מען?

תליון

ביזט א ממזר, זאגט מען.
און ניט א לעבעדיקע פרוי האט דיך געבוירן,
נאר א שטיין.
א ממזר פון א שטיין.

ארמילוס

ס'איז אמת, יע.
איך זאג עס דיר, איך זאג עס אלעמען,
און דו ביזט אזא חשובער ווי יעדער אנדערער,
און קיינער איז ניט חשובער פון דיר.

תליון

נו, יע, אוודאי.

ארמילוס (ביטער)

אוודאי, אוודאי.
א תליון אין משיחס צייטן — ווער וועט וואגן
מיט דיר פארגלייכן זיך אין יחוס היינט.

תליון

א, נביא, נביא, זיי ניט אזוי ביטער —
איז אמת טאקע וואס מע זאגט? דערציי.

ארמילוס

הינטער שטאט איז דא א געסל,
אין מיטן פונם געסל שטייט א שטיין,
א הויכער מירמלשטיין, ווי א פרוי געשניצט,
די מאמע מיינע. —
אך, גוט איז מיר, וואס גאט,
צי ווער ניט איז אן אנדערער — זאל זיין דער טייוול —
געבראכט צו שלעפן האט פון ערגעץ אט דעם שטיין,
אים אויסגעפורעמט אין געשטאלט פון א נקבה,

אוועקגעשטעלט אים אקוראט אין הינטערגעסל
צו וועקן און צו אויפוועקן די תאווה
פון אלע זין — די יוגנט פון דעם הינטערגעסל —
די בני בליעל, ווי די אלטע טאטעס רופן זיי.
די בני בליעל — אט די זין פון הינטערגעסל,
זיי זיינען וואונדערלעך,
זיי זיינען אלץ.
זיי זיינען טענצער,
זיי זיינען זינגער,
גנבים,
דיכטער,
קעמפער,
מוסרים,
נזירים,
אפיקורסים,
משיח־זוכער, —
און וואס ניט? —
און די תאווה ברענט אין זיי ווי די רויטע אוונט־זון. —
ווי גוט איז מיר צו וויסן,
אז איינמאל אין אן אוונט האבן אלע זין
ארומגערינגלט נאקעטע דעם מירמלשטיין — מיין מאמען —
געבוקט זיך און געטאנצט אין קארעהאדן,
און נאכדעם צוגעפאלן צו איר לייב און זי באשלאפן.
ווי גוט איז מיר צו וויסן,
אז נאכדעם איז דער מירמלשטיין געווארן שוואנגער,
און אויסגעטראגן און געבארן —

תליון

דיך!

ארמילוס

מיד.

תליון

פארשטיי איך שוין פארוואס עס ציטערן פאר דיר אלע,
סיי מלכים, סיי מורדים, סיי משיחים —

ארמילוס

סיי תלינים.

תליון (מיט כעס)

ניט איך.

ארמילוס (מיט אויפגעפלאמטן כעס)

שוייג!

תליון

איך האב קיין מורא ניט פאר קיינעם.

ארמילוס

מנובל!

תליון

איך האב אין וועמען צו געראטן זיין.

(חיל ברענגט בן יוספן, לילית און א מחנה אנ־
הענגער זיינע. אלע אין קייטן. דער תליון עפנט
דעם טויער פון תפיסה. דערזעענדיק דעם נביא,
שטעלט זיך בן יוסף אפ)

ארמילוס (צום חיל)

פירט אים.

בן יוסף

זאל איך גלויבן מיינע אויגן?

ארמילוס (קוקט ניט אין זיין זייט, רעדט צום חיל)

דער טויער וואָרט — וואָס שטייט איר?

בן יוסף

איך רעד צו דיר. — ווי קאָן דאָס זיין?

ארמילוס

עס איז — מסתמא קאָן דאָס זיין.

בן יוסף

דו שפּאַסט?

ארמילוס

דער נביא ארמילוס שפּאַסט קיינמאָל ניט.
דער סדר פון פּאַסירונגען איז ניט צעריסן,
און וועט אויך קיינמאָל ניט צעריסן ווערן.
און ווער עס קאָן דעם סדר ניט באַוואונדערן,
און קאָן ניט איינבויגן דעם קאָפּ — אַז וויי צו יענעם!

לילית

פאַררעטער!

(חיל גיט זיך אַ וואָרף צו איר, נביא האַלט אָפּ)

ארמילוס

איך האָף, אַז דו, בן יוסף,
פאַרשטייסט און פילסט דעם גורל אַנדערש.

בן יוסף

כ׳פאַרשטיי ניט.

ארמילוס

איז שלעכט, אויב דו פאַרשטייסט ניט.

בן יוסף

צי האסטו ניט אליין געזאגט נביאות װעגן מיר?
צי האסטו ניט אליין גערופן מיך, געמוטיקט מיך?
געטראגן מיינע רייד, גאולה־רייד, אין פאלק אריין —
צי האסטו ניט געװאלגערט זיך מיט מיר צוזאמען אויפן בוידעם—
צום לעצטן קאמף אנטקעגן מגוגן זיך געגרייט —
און איצטער פירסטו מיך אין מגוגס תפיסה?

ארמילוס

עס איז — מסתמא דארף עס זיין אזוי.

לילית

ער רייצט זיך נאך.

ארמילוס

איך רייץ זיך ניט, איך עפן אויף דעם אמת.

בן יוסף

איך בין אמת. מ י י ן רצון איז אמת.

ארמילוס

ניין!

בן יוסף

װער ביזטו?

ארמילוס

נ ב י א ה י י נ ט.

בן יוסף

דו חוזקסט נאך.
פארראטן האסטו מיך צום װעלט־פארפייניקער, צו מגוגן.

ארמילוס

דערלאַנג אים איבערן מויל, ער לעסטערט מלך מגוג.

(חיל וואַרפט זיך אויף די געפאַנגענע, שלאָגט, נביא גיט אַ צייכן מיט דער האַנט מע זאָל אויפ־הערן)

געננוג.

(נעענטערט זיך צו בן יוספן, רעדט אים אין פּנים אריין)

פונדעסטוועגן, אַז כ׳היים דיר איינבויגן דעם קאָפּ,
בויג איין.
מע גיט דיר קלעפּ, נעם צו.

בן יוסף

בן יוסף בויגט ניט איין דעם קאָפּ.

ארמילוס

וועל איך אים איינבויגן דיר.
די גאווה דיינע אונטערהאַקן.

לילית (צום חיל)

און איר וועט דאָס דערלאָזן?
צי ווייסט איר וועמען איר פאַרשפאַרט אין תפיסה?
דעם גואל אייערן, וואָס איז געקומען
אייך אויסלייזן פון מגוגס רשעות, פון מלחמות,
פון אָרימקייט, פון נויט, פון הונגער.

ארמילוס

פאַרמאַכט איר ס׳מויל!

לילית

אייך אויסלייזן פון אָט דעם פאַלשן נביא.

ארמילוס

פֿאַרמאַכט איר ס'מויל, זאָג איך!

(מע שטילט זי איין)

שטימען (פֿון חיל)

דער נביא טראָגט די אמתן אין זיך,
ווי שווערדן אין אַ שייד;
אַט ציט ער פֿון אַ שייד אַרויס איין אמת,
און אַט אַ צווייטן.

— אַ שרעקלעכער ביזטו.

— דאָס האַרץ דערלאָזט אונדז ניט צו פֿירן זיי אין תּפֿיסה.

ארמילוס

איך הייס, איך בין געשיקט פֿון מלך מגוג.

שטימען

אויף ווי לאַנג?

ארמילוס

קיין חילוק ניט.
צי ווילט איך אפֿשר אויך ווי זיי
דעם תּפֿיסה־טעם פֿאַרזוכן? פֿירט זיי!

(חיל פֿאָלגט. פֿירט די געפֿאַנגענע אַריין דורכן טויער אין תּפֿיסה. תּליון פֿאַרמאַכט טויער, פֿאַרשווינדט מיטן חיל. נביא בלייבט אַליין. פֿון הינטער די בערגלעך קומט אַרויס דער אַלטינקער בעטלער אליהו מיט אַ פֿולער טאָרבע אויף דער פּלייצע און שטעקן אין האַנט. ער איז בלינד. קוים וואָס ער באַוועגט זיך)

ארמילוס

פֿון וואַנען קומסטו, אַלטינקער?

אלטינקער

פון דער וועלט.

ארמילוס

ביזט בלינד, אלטינקער?

אלטינקער

בלינד, אבער דיך זע איך.

ארמילוס

ווי אזוי?

אלטינקער

דורך בלינדקייט.

ארמילוס

וואָס טראָגסטו דאָרט אין טאָרבע?

אלטינקער

מתנות.

ארמילוס

פאַר וועמען?

אלטינקער

פאַר די קליינע קינדער פון דער וועלט.

ארמילוס

און פאַר די גרויסע?

אלטינקער

די גרויסע פאַרדינען עס ניט מער.

ארמילוס

האָסט זיי פיינט, די גרויסע?

אלטינקער

איך קען זיי ניט מער.

ארמילוס

און אמאל האסטו זיי געקענט?

אלטינקער

יע, אבער איצט קען איך זיי ניט מער.
ניט זיי, ניט דיך.
און וויל אייך ניט קענען.

ארמילוס

דו ווייסט מיט וועמען דו רעדסט?

אלטינקער

מיטן שרעקלעכן נביא ארמילוס.
מיטן זון פון הארטן שטיין.

ארמילוס

האסט קיין מורא ניט פאר מיר?

אלטינקער

פארוואס זאל איך מורא האבן?
די וועלט געהערט צו די קליינע קינדערלעך.
מיט די גרויסע האב איך גארנישט וואס צו טון מער.
די אמתע גאולה וועלן ברענגען קינדער,
פאר אלעמען, אפילו פאר די גרויסע.

ארמילוס

דו זאגסט דאך, אז דיך ארט ניט פאר די גרויסע.

אלטינקער

פאר איינעם ארט מיך יע.

ארמילוס

ווער איז ער?

אלטינקער

א גרויס, גרויס קינד.
איך האָב אים ניט געזען שוין לאַנג, לאַנג.

ארמילוס

דו פלאַפּלסט, אַלטינקער.
(פון תפיסה הערט זיך ווי מע קאָוועט קייטן)
דו הער זיך בעסער צו צו דעם.

אלטינקער

מע קאָוועט עמיצן אין קייטן. וועמען?

(פון איבער די בערגלעך באַווייזן זיך צוויי הויכע געשטאַלטן, שפּרינגען אַראָפּ און אַרויף, בלייבן שטיין אויף איינעם פון די בערגלעך, קוקן אַנגע־שטרענגט אין דער ריכטונג פון טויער)

ארמילוס

(אויפגעציטערט, ווי ער וואָלט עפּעס דערשפּירט)

דו ביזט בלינד, אַלטינקער, פאַרדעסטוועגן, קוק, קוק.

אלטינקער (איילנדיק)
לאָז מיך גיין.

ארמילוס

איך זאָג דיר — קוק.

אלטינקער

איך קוק, איך זע. — איך מוז גיין, איך מוז.

(שפּאַנט)

מתנות, מתנות, מתנות
פאר די קינדערלעך פון דער וועלט, מתנות.

(אפ)

ארמילוס

(עסט זיך איין מיט די אויגן אין די צוויי, וואס אויפן בערגל. די צוויי שטייען און רירן זיך ניט)

וואס שטייען זיי, ווי אויסקוקער?

(ער לאזט זיך לויפן צו זיי און קערט זיך גלייך אום צוריק)

איך ווער אליין א חסר־דעה, דאכט זיך.

(פון יענער זייט טויער דערהערט זיך א מהומה. פאלק קומט אן אויפגערעגט, מיט אויפגעהויבענע הענט און געשרייען)

פאָלק

וואו איז בן יוסף?

ארמילוס

גייט צוריק אין שטאט אריין.

פאָלק

איז אמת, אז ער איז אין תפיסה?

ארמילוס

אמת.

פאָלק

און דו האסט מסכים געווען?

ארמילוס

יע.

פּאָלק

((אפּהענטיק, פּארלוירן, שטייט מיט געבויגענעם קאָפּ, איינקע וויינען)

ארמילוס

אהיים!

(פּאָלק רירט זיך ניט)

ארמילוס

איר ווילט דאָך ניט באַהאַנדלט זיין ווי מורדים!

פּאָלק

צי האָסטו ניט אליין צוריק מיט וואָכן
גערופן אונדז מקבל פּנים זיין בן יוספן?

ארמילוס

צוריק מיט וואָכן — יע.
אָבער איצט איז — היינט.

פּאָלק (מיט פויסטן)

לאַכסט אָפּ פון אונדז?
ווער ביזטו?
א פאַלשער נביא ביזטו!

(פון תפיסה קומט ארויס דאָס חיל)

ארמילוס (צום חיל)

צעטרייבט זיי און פאַרהאַקט דעם טויער!

(חיל וואַרפט זיך אויפן פאָלק, שטויסט אים אריין אין שטאָט. נביא — נאָך אים. טויער פאַרהאַקט זיך. שטיל. די צוויי מענטשן פון בערגל, יאַסעלע און חנינה, לאָזן זיך אַרונטער, שפּאַנען אין איילעניש צום שטאָט־טויער. קומען צו, ווילן עפענען, קלאַפּן. טויער עפנט זיך ניט. יאַסעלע, מיט

כוח, נעמט האַמערן. דערהערן מיטאַמאָל קייטן געקלאַנג פון תפיסה, ציטערן אויף, איבערהויפּט חנינה. חנינה לאָזט זיך לויפן צום טויער פון תפיסה. יאַסעלע נאָך אים. אין טויער פון תפיסה באַווייזט זיך דער תליון, הויבט אויף די האַק אַנט־קעגן זיי — זיי בלייבן שטיין אַנטקעגן תליון פאַר־גליווערט)

בילד דריי

דבורהלס שטוב. נאַכט. איר יינגל ליגט אויפן דיל אויף שמאַטעס. קיין פייער. דורך די פענצ־טער קוקט אריין אַ גרויסע לבנה. פון צייט צו צייט הערט מען שיסעריי

יינגל

דער הונגער לאָזט ניט איינשלאָפן, מאַמע.

דבורהל

מע מוז, קינד.

יינגל

וועט מאָרגן כאָטש זיין ברויט?

דבורהל

יע, קינד.

יינגל

משיח איז שוין געקומען און קיין ברויט איז נאָך אַלץ ניטאָ.

דבורהל

נאָך ניט דער אמתער משיח.

יינגל

וועט קומען אויך דער אמתער?

דבורהל

אוודאי וועט ער קומען.

יינגל

און ער וועט זיין ווי מיר אלע?
און שלאָפן אויף דער ערד, ווי מיר אלע?

דבורהל

יע, ווי מיר אלע, קינד, — שלאָף.

(שטיל. דאס יינגל שלאָפט איין. דבורהל זיצט איבער אים, הויבט אויך אָן צו דרעמלען. פאַרביי פענצטער, דרויסן, זעט מען ווי עס שלייכן זיך דורך צוויי הויכע געשטאַלטן. די טיר גיט זיך, אזוי ווי פון זיך אליין, אָן עפן. אויף דער שוועל באַווייזן זיך יאָסעלע און חנינה, פאַרשטויבטע פון וועג. שטעקנס אין די הענט. זיי זיינען ענלעך איינס אויפן אַנדערן. יאָסעלע פאַרויס. דבורהל גיט זיך אַ כאַפּ אַ דערציטערטע)

דבורהל

ווער זיינט איר?

יאָסעלע

דאָס זיינען מיר.

דבורהל

ווער — מיר?

יאָסעלע

דערקענסט ניט יאָסעלען?

דבורהל (מיט ציטעריקע ליפּן)

איך דערקען.

יאָסעלע (ציט זיך צוריק אַהינטער חנינהן)

און ער איז חנינה.

דבורהל

ווער?

יאָסעלע

חנינה — משיח בן דוד.

דבורהל

(לאָזט זיך ארונטער צום דיל אינגאַנצן באַהערשט
פון שרעק)

אויב מיר איז באַשערט צו זען וואונדער —

יאָסעלע

וויין ניט.

דבורהל

מיט וואָס האָב איך זוכה געווען?

חנינה (שטיל און פאַרשעמט)

און מיט וואָס האָב א י ך זוכה געווען?

דבורהל

איך בין ווער?

יאָסעלע

דו ביזט דבורהלע.

חנינה

יאָסעלע האָט מיך געפירט צו אייער שוועל.

יאָסעלע

טרעט אריבער די שוועל, ברודערל.

(זיי טרעטן ביידע אריין אין שטוב)

דבורהל (טוליעט זיך אין אַ ווינקל)

ווי אין חלום, ווי אין חלום.

יאָסעלע

אז איך האָב ניט מורא — דאַרפסט אויך ניט מורא האָבן.
געלעגן אויף דיין בוידעם, דבורהלע, —

(ווייזט אַן מיטן פינגער)

אַ־דאַרטן־אַ, — און איצטער לעב איך.
ס׳איז גוט צו לעבן, דבורהלע.

(צו חנינהן)

ס׳איז גוט, ברודערל.

דבורהל

אין שטוב ביי מיר — ליידיק און נאַקעט.
קיין שטיקל ברויט אפילו פאַר אַזוינע געסט.
קיין ווייך געלעגער.

יאָסעלע (צו חנינהן)

זי איז אַ גוטע — דבורהלע, אַ טייערע.
מירן שלאָפן אויף דער ערד. עס מאַכט ניט.

(צו דבורהלען)

ער איז מיד.

חנינה

ניין, איך בין ניט מיד.

(זעצט זיך אויף דער ערד)

אַ ביסל וואַסער וואָלט גוט געווען.

יאָסעלע

אַמאָל אין פּראָג האָסטו אויך אַזוי געזאָגט:
אַ ביסל וואַסער וואָלט גוט געווען.

דבורהל

אפילו ניט קיין ביסל וואַסער.

יאָסעלע

כ׳וועל גיין ברענגען.

דבורהל

א טריקעניש אין שטאָט. ניטאָ קיין טראָפּן.

יאָסעלע

כ'וועל זוכן און געפינען.

דבורהל

א סכנה. מגונם חיל אומעטום.

חנינה

מירן גיין צוזאַמען.

יאָסעלע

דו רו, ברודערל.

(זעט עמער אין ווינקל. נעמט און לאָזט זיך אַרויסגיין)

חנינה (באַדייטונגפול)

ניט וואַרטן אפשר מער?
אפילו ניט ביז טאָג.
אפשר שוין?

יאָסעלע (ביי דער טיר)

אפשר טאַקע?
כ'וועל דורכגיין מיט די עמער פאַרביי הייזער,
וועל איך אַריינקוקן אין אַלע פענצטער,
וועל איך אָנקלאַפּן אין אַלע טירן,
וועל איך אָנזאָגן און וועל רופן — — — —

(שוין אויף יענער זייט שוועל, דרויסן)

שטייט אויף, שטייט אויף, שטייט אויף!
משיח בן דוד איז געקומען!

(אַפּ)

דבורהל (נאָך מער באַנומען אין שרעק)
איז דאָס אמת טאַקע?

חנינה
שווער צו גלויבען?

דבורהל
אַזאַ ענלעכקייט אין אייך איןביידן.
ווי ברידער צוויי.

חנינה
מיר זיינען ברידער.

דבורהל
אַז ער איז דאָך געלעגן אויף מיין בוידעם גאָר.

חנינה
און איך — אין מדבר.
און אַט בין איך געקומען פון דער מדבר.
ניט שרעקט זיך. זאָל זיך דאכטן — אַ באַקאַנטער.

דבורהל
דער אמתער חנינה?

חנינה
יע.

דבורהל
מיין ייִנגעלע האָט ערשט געחלומט וועגן אייך.

חנינה
איצט חלום איך מיט אים צוזאַמען וועגן זיך.

(פויזע)

דבורהל

וועט עפּעס היינט געשען דאָ ?

חנינה

ס׳איז שוין געשען.

דבורהל

זאָל דאָס מאָל כאָטש קיין בלוט ניט גיסן זיך.

חנינה (שפּרינגט אויף דערציטערט)

בלוט ?

דבורהל

די וועגן פון בן יוסף זיינען פול מיט בלוט פאַרגאָסן,
און ער אַליין איז אומגליקלעך דערפון.
מיר וואַרטן אַלע, אַלע, און אויך ער אויף — —

(דערענדיקט ניט, שרעקט אויס די הענט)

צי זאָל איך גלויבן, אַז איך זע טאַקע —

חנינה

גלויבט.

דבורהל

מיר וואַרטן אַלע, אַלע, עס זאָל קומען
די שעה פון גוטסקייט און פון ליבשאַפט.

חנינה

די גוטסקייט און די ליבשאַפט קומען ניט.
מע דאַרף זיי ב ר ע נ ג ע ן .

דבורהל

איך הער אַ טרויער אין די ווערטער.

חנינה

איך וויל אים ניט דעם טרויער.

דבורהל

אז שטאָט זאָל וויסן וואָס פאַר אַ גאַסט זי האָט.

חנינה

וואָס הערט מען דאָ אין שטאָט?

דבורהל

דער גאַסט ווייסט בעסער דאָך אוודאי.

חנינה

דערציילט.

דבורהל

דער סוף קומט.
דער קריג פון גוג און מגוג האַלט שוין אויך ביים סוף.
ווייל מער ניטאָ שוין וועמען אומברענגען.

(פויזע)

חנינה

דערציילט.

דבורהל

דער הונגער ענדיקט דאָס, וואָס קריג האָט ניט דערענדיקט.
און דער, וואָס איז געקומען אויסלייזן פון גוג און מגוג —
ער ליגט אין תפיסה אַ געשמידטער,
און גרייט זיך צו באַגעגענען די האַק פון תליון.

(פויזע)

חנינה

דערציילט.

דבורהל

און ס'פאָלק איז אַפּהענטיק און גלויבט ניט מער אין קיינעם.
און אַלע טראָגן אויפן מויל אַ שלאָס, אַחוץ דעם נביא.

חנינה

וועלכער נביא?

דבורהל

ס'איז דאָ אַ מענטש צווישן פאָלק, אַרמילוס הייסט ער.
ער רופט זיך נביא, און אויך אַלע רופן אים אַזוי.
פאַרוואָס ער רופט זיך נביא — ווייסט ניט קיינער.
אויך ווייסט ניט קיינער ווער ער איז — פון וואַנען.
און אַלע האָבן פאַר אים מורא ווי פאַר איינעם,
וואָס שפּילט זיך מיטן גורל פון דער וועלט.
ער האָט אַ פּנים, וואָס האַלט שטענדיק זיך אין בייטן.
ער גייט אַרום און הערט זיך־צו צו אַלעמען,
און זאָגט נביאות. היינט אַזוי, און מאָרגן — אַנדערש.
און קיינער קאָן ניט כאַפּן אים ביים ליגן.
פון ליגן מאַכט ער אמת, און פון אמת — ליגן.
אַט רעדט ער וועגן גאולה, רופט צו אויפשטאַנד,
און אַט גאָר חברט ער זיך מיט דעם מלך מגוג און זיין תליון.
און אייביק איז אים רואיק דאָס געוויסן — —
(האַקט זיך אָפּ)
ווער ווייסט, ער קאָן אַהער אַריינשפּאַנען אַמאָל.
אין מיטן נאַכט אַפילו.

חנינה

אדרבה.

דבורהל

ניין, ניין. —
צי אויך חנינה וועט ניט אויסמיידן זיין שליטה? —
צי אפשר זע איך עס אין חלום טאַקע אַלץ? — —
(גייט צו נאָענט צו חנינהן, קוקט זיך איין אין אים טיף דורכדרינגענדיק)

חנינה

דאָס וואָרט ווערט טואונג.
און חלום — וואָר.
און אַלץ, וואָס כ'זע און הער, איז — צייכן.
דאָס ייִנגל אויפֿן דיל,
די לבֿנה אין די שויבן,
און דבֿורהלס קול, וואָס קלינגט אָפּ מיט געוויין.

(ער ציט זיך אויס איבערן דיל נעבן טיר, מיטן פּנים אַרויף. דבֿורהל זעצט זיך נעבן קינד קניענדיק. איר פּנים — אין די הענט באַהאַלטן. פּויזע)

חנינה (ליגנדיק אויף דער ערד אויסגעצויגן)

דבֿורהל וויינט?

דבֿורהל

ניין.

חנינה

איך הער דאָך אַ געוויין. — —

(שטיל)

דורך חרובֿע פֿאַרברענטע לענדער זײַנען מיר געגאַנגען.
איך און יאַסעלע.
און ביידע — הונגעריקע, שטומע.
און מענטשן, וואָס מיר האָבן אָנבאַגעגנט,
אין גרוים בהלה זײַנען אונדז פֿאַרבייגעלאָפֿן.
אפֿילו קיין גוטמאָרגן ניט געזאָגט אונדז.
און, שפּאַנענדיק אַזוי, זאָגט יאַסעלע:
דערפֿאַר וועט דבֿורהלע אונדז וואַרים אויפֿנעמען.
— און ווער איז דבֿורהלע? — האָב איך געפֿרעגט.
— אויף וועמעס דיל מיר וועלן אָפּרוען, — זאָגט יאַסעלע.
אַט ליג איך און איך רו אויף דבֿרוהלעס דיל.

(איצט הערט מען ווי דבֿורהל וויינט שטיל און טיף)

כ'האב קיינמאל אזא ווייגען ניט געהערט נאך,
און קיינמאל אזא נאענטקייט ניט געשפירט נאך. —
אזא גוטסקייט, אזא ווארימקייט. — —

(עס דערהערט זיך א געפויק פון באראבאנען, גע־
זאנג פון זיגרייכע קריג־חיילות. חנינה שפרינגט
אויף. וויל ארויסגיין)

דבורהל (מיט אימפעט)
וואוהין גייט איר?

חנינה
ער זאמט זיך עפעס — יאטעלע.

דבורהל
חיילות פון דעם מלך מגוג קומען.
מיט שיכורע געזאנגען און מיט טויט אויף פאנען.
א, גייט ניט איצט.

(פארשטעלט אים דעם וועג, ריזט אים אן ביי
דער האנט)

חנינה (האלט דבורהלס האנט)
א האנט א ווארימע, א ליכטיקע.
און מיינע פינגער זיינען צוגעוויינט געווען
צו אנרירן דעם זאמד פון מדבר נאר;
אויף מיינע ליפן רוט נאך איצט דער זאמד פון מדבר.
געוואַרט אויף נס דורך יארן, יארן.
און אט איז נאכט.
און — גרויסע וועלט.
און — פויקן,
און — שטיבל,
און — געוויין, —
און — נס געשעט. — — — —
(לאזט זיך ווידער צו דער טיר. דבורהל פארהאלט
אים ווידער מיט שטארקייט)

דבורהל

א סכנה איר זאָלט גיין איצט. איך וועל גיין און יאַסעלען געפינען.

(אָפּ)

(חנינה לאָזט זיך אַראָפּ צוריק צו דער ערד. עס שלייכט זיך אַריין דער בלינדער אַלטינקער מיט א פּולן זאַק אויף דער פּלייצע. טאַפּט דעם וועג מיט א שטעקן)

חנינה (אויפגעציטערט)

א, זיידע, נביא!

אַלטינקער (זיין גאַנצער קערפּער ציטערט)

איך האָב דערשפּירט, אַז דו ביזט דאָ,
און בין געקומען היטן דיך. א, זון מיינער —

חנינה (צוריקגעהאַלטן)

היטן מיך?

אַלטינקער

צו היטן דיך פון בייז.

חנינה

איך דאַרף זיך פרייען, וואָס איך זע דיך, נאָר —

אַלטינקער

דו פרייסט זיך ניט?

חנינה

איך וויל ניט זאָלסט מיך היטן.

אַלטינקער

דו מיינסט, אַז מענטשן וועלן דיך באַגעגענען מיט שמחה?

חנינה

איך מיין ניט.

אַלטינקער

ס'איז זיס געווען דיין חלום וועגן מענטשן,
אין מדבר דאָרט אין בענקעניש צו חלומען. —
עס טוט מיר ווי דאָס הארץ צו זאָגן דיר,
איך מוז דיר אָבער זאָגן: גרייט זיך אויף דאָס ערגסטע, —
אויף שנאה און אויף תפיסה און אויף פּייניקונג,
אויף שפּאָט און אויף רכילות און פּאַרראַט.
אפילו די, וואָס וואַרטן אויף דיין קומען,
און זאָגן פרום אַרויס דיין נאָמען,
אפילו זיי, — זאָל נאָר באַוואוסט ווערן, אַז דו ביזט דאָ —
באַגעגענען מיט חוזק וועלן דיך.
ניט איך באַדאַרף זיין דער, וואָס זאָל אין וועג
דיר לייגן שטיינער, מאַכן שווער דיין האַרץ, —
נאָר — — —

(האַקט זיך אָפּ, מיט קלעמונג)

איך ציטער איבער דיר. —

חנינה

כ'בין גרייט אויף אַלץ.

אַלטינקער

דעם מענטשנס האַרץ איז אַלץ נאָך שלעכט, מיין זון.

חנינה

דאָס זאָגן ד י י נ ע ליפּן?

אַלטינקער

יע, מיינע ליפּן, אליהוס, יע.
דער גוטער אליהו זאָגט עס, יע.

(ווייל איס גרייכן מיט די הענט, טאַפּט בלינדערהייט)

און מיינע אויגן זאָגן עס אוודאי.

חנינה (אין שרעק)

וועסט אייביק טאָקע זיין שוין בלינד?

(פאַלט צו אים צו)

אַלטינקער

דו פרעגן ביי דער אַלטער צייט, — ביי איר פרעג.

חנינה

און מיך שוין קיינמאָל טאָקע מער ניט זען?

אַלטינקער

דיך, מיין זון, זע איך.

(פויזע)

די וועלט איז אַלץ ניט ראוי פאַר גאולה נאָך.
די איינציקע, וואָס וואַרטן אויף דיין קומען, —
די קליינע קינדער, — זיי נאָר וועלן טראָגן
אַ ריינעם שמייכל דיר אַנטקעגן; אָבער
דער שמייכל וועט דערטרונקען ווערן אין דעם סם
פון שנאה, וואָס וועט דיך אַרומנעמען פון אַלע זייטן.
דער שמייכל פון די קינדער וועט צו דיר ניט גרייכן.
די שנאה קאָכט אין יעדן מענטשנס האַרץ
צו אַלעמען, און מערער נאָך — צו זיך אַליין
פאַר אַלע פּרוּוון אויסצולייזן זיך פון אומרעכט, —
אַזוי פיל פּרוּוון און אַזוי פיל דורכפאַלן, מיין זון. —
און מיט דער שנאה קומט דער הפקר,
פון יעדער זייט וועט לויערן אויף דיר דער בטול.
דו פרעגן ביי מיר, איך האָב געניגּ פאַרזוכט שוין
דעם טעם פון מענטשנס חוזק — גיי צוריק אין מדבר.

חנינה

מע מוז בן יוספן באַפרייען פון דער תפיסה.

אַלטינקער

באַפריי, און גיי צוריק.

חנינה

בן יוסף איז נאָר אַנהויב.
דערנאָך דאַרף איך מיין פּלאַץ פאַרנעמען.
איך קאָן צוריק ניט גיין. איך בין ניט מער
דער איינזאַמער געצערטלטער פון מדבר.
איך וויל ניט מער.
כ׳בין דאָ אויף לאַנד פון ישוב, ערד פון תאווה.
איך זיץ אין חשד פון אַ שטוב.
איך פיל די וואַרימקייט פון ווענט, פון שוועלן,
איך טרינק דעם אָטעם פון אַ הונגעריקן קינד,
צום ערשטן מאָל — דעם אָטעם פון אַ פרוי ; —
אַזאַ לבנה אין די שויבן — — —
און גאָט האָט מיך פאַרצערט. — — —
איך וויל ניט מער !

אַלטינקער

וואָס רעדסטו, זון מיינער ?

חנינה

אָ, הער, הער.
איך וויל מיט מענטשן זיין.
און דאָס, וואָס וואַרט אויף מיר, — זאָל קומען,
און דאָס, וואָס איך דאַרף ברענגען, — וועל איך ברענגען
דורך ווילן און נסיון,
און ניט דורך צופאַל, ווי אַמאָל אין פּראָג.
ווי בעטלער ניט געבעטענע געקומען דעמלט,
און פרעמדע און פאַרשעמטע זיך אַוועקגעשלעפּט צוריק. —
איך בין ניט מער קיין אורח און קיין בעטלער,
איך האָב אליין באַשטימט צו קומען, און — געקומען.

אַלטינקער

דורך יאַסעלעס הילף. — צי ווייסטו ווער איז יאַסעלע ?

חנינה

א מענטש א נייער, א געלייטערטער דורך טויט.
א ריינער, דארפסט אים ליב האבן. א מענטש — א קינד.
דערצו — וואלסט נאר געקאנט אים אנקוקן, — —
און ענלעכקייט אזא אויף מיר.

אַלטינקער

געלעגן אויפן בוידעם, — ניט טויט ניט לעבעדיק,
אין וויסטער פינצטערניש פארזונקען;
און דו — אין וואכעדיקייט שטענדיקער, אין קלארער פיין,
אין ווילן און אין ליכטיקער מחשבה;
און אט — ער שטייט זיך אויף דער יאסעלע,
און מיר ניט, דיר ניט — טוט זיך אן אין דיין געזיכט,
און שוין — ער איז אליין שוין א חנינה,
ער איז אליין שוין א משיח, א בן דוד. —
זאלסט וויסן זיין: אויך ער וועט דיך פאראטן.

חנינה

בין גרייט אויף אלץ.
אויב רשעות, וויל איך דורכגיין דורך דער גאנצער רשעות.
איך וויל פאר זיך קיין זכיות קיין באזונדערע.
ניט גיי מיר נאך און היט מיך ניט,
און לאז מיך איבער אין מיין אייגענעם רשות.

אַלטינקער

חנינה, קיין צוריקקער וועט ניט זיין מער.

חנינה

די גאולה דארף זיין בילכער פון דעם גואל.
אויך מ י י ן גורל זאל זיין ניט מער ווי גורל.

(מיט כעס)

צי האב איך גאר קיין גורל ניט קיין אייגענעם?

אַלטינקער

נו, צאַרן ניט.

(פּויזע)

ביזט הונגעריק, מסתמא.

כ'האָב עסענוואַרג אין זאַק. וועסט נעמען עפּעס.

(נעמט פונאַנדערבינדן דעם זאַק)

חנינה

פאַר וועמען טראָגסטו עס?

אַלטינקער

פאַר הונגעריקע קינדער.

חנינה

טאָ טראָג עס פאַר די קינדער.

אָט שלאָפט אַ קינד.

אַלטינקער

איך וויים. ד אָ ס זע איך.

נאָר נעם אויך עטוואָס דו.

חנינה

אַז אַלע הונגערן — ניט בעט מיך עסן.

איך בין ניט בילכער מער פון קיינעם.

(אַלטינקער בויגט זיך איבער דבורהלעס קינד, טאַפּט מיט די הענט, לייגט עסנוואַרג נעבן אים, פאַרבינדט דעם זאַק צוריק. פאַרוואַרפט אים אויף דער פּלייצע, רוקט זיך צו דער טיר שטום, מיטן פּנים צו חנינהן. אַפּ. חנינה בויגט זיך איבערן קינד, זאַפּט אין זיך אריין זיין אָטעם. עס קומט אריין דבורהל און נאָך איר יאָסעלע מיט פולע עמער, זיין פּנים פאַרפּלאָנטט)

דבורהל

מע לויפט פון אַלע הייזער.

חנינה (צו יאָסעלען)

ניט וואַרטן מער.
דאָס פֿאָלק צו אויפֿשטאַנד רופֿן!

יאָסעלע

גערופֿן שוין, גערופֿן, ברודערל.
דאָס גאַנצע פֿאָלק איז אויף.

(איילן אַרויס ביידע פֿון שטוב)

בילד פיר

ביי די טויערן פון תפיסה. סוף טאג. תליון־
וועכטער ביי זייןביידל

תליון (מיט א תהילימדיקן ניגון)

למנצח —
דער בן יוסף
איז א שיינער,
איז א גיבור;
און נאך שענער,
און נאך שטארקער
איז זיין אויסדערוויילטע
לילית. —
און פון ביידן —
איך — דער שטארקסטער,
איך — דער שענסטער,
איך — דער תליון.
למנצח,
לויב צום זיגער;
לויכט, מיין האס,
איז אונטערזון!

פעלדער גרינען,
סעדער בליען,
און די זון —
א רויטע רויז, —
וויגט זיך, וויגט זיך
אויף איר שטענגל,
און פארמאכט זיך

צו דער נאַכט.
איך בלייב וואכיק,
איך בלייב בליען
מיט די סעדער
אויך ביינאַכט.
למנצח, —
לויב צום זיגער;
לויכט, מיין האַק,
אין אוונט־זון!

באַלד וועט קומען
מלך מגוג,
פירן גוגן
אויף אַ קייט. —
גיי אין תפיסה,
וועט ער זאגן,
און האַק אָפּ
בן יוספס קאָפּ; —
איך וועל גיין
מיט גרויסער שמחה
און אָראָפּהאַקן
זיין קאָפּ. —
וואס וואלט טון
איעדער זיגער
אַז דער בענקשאַפט
פון מיין האַק? —
למנצח, —
לויב צום זיגער;
לויכט, מיין האַק,
אין אוונט־זון!

(עס קומט נביא ארמילוס פאַרזאָרגט און אומ־
רואיק, ווי ער וואלט עמיצן זוכן)

תליון (צו ארמילוסן)
זאָג, וועמען זוכסטו, ברודער נביא?

ארמילוס (אומצופרידן)

פון ווען בין איך געווארן דיר אַ ברודער?

תליון

אַז מיר שטייט אָן צו זיין דיין ברודער,
מעג דיר געווים דער יחוס אָנשטיין.

ארמילוס

הער אויף!

תליון

פאַרגיב מיר, ברודער נביא,
אויב ס'פּילט זיך שפּאַס אין מיינע רייד. —
אין אמתן בין איך דאָך פּוּל צו דיר מיט אַפּשיי,
נאָך מערער ווי צו זיך אַליין. מיין האַק איז שאַרף, —
נאָר שאַרפער, ווייס איך, איז דיין וואָרט.
דיין וואָרט צעבלוטיקט מער נאָך ווי אַ האַק,
און איך בין דאָך ניט מער ווי דיין שליח, ברודער נביא;
אַזוי פיל קעפּ האָסטו שוין גדולהדיק דערהויבן, —
דערנאָך אַליין געבראַכט זיי צו מיין האַק. —
אַט האָסטו אויף בן יוספן געזאָגט נביאות —
ועט באַלד טאַקע דיין וואָרט מקוים ווערן, ברודער נביא.

ארמילוס (אויפגערעגט)

ניין. ניין.

תליון (איבעראַשט)

וואָס מיינט דיין ניין? — און וועמען זוכסטו?

ארמילוס

האָסט קיינעם ניט באַמערקט דאָ?

תליון

שלעפּער פון דער גאַנצער וועלט אַהערצו שפּאַרן,
זיי זוכן אין דער וועלט-שטאָט ברויט און נאַכטלעגער;

כ׳האָב הונדערטער שוין היינט אוועקגעיאָגט פון דאַנעז
אין וואַלד אריין. — דו זוכסט דאָ עמיצן?

ארמילוס

איך זוך און קאָן אים ניט געפינען.

תליון

זאָג — וועמען?
(לייגט ארויף זיין האַנט אויף ארמילוסי אַקסל)
ביזט אַזוי פאַרטרויערט. —

ארמילוס

(טרייסלט אראָפּ פון זיך דעם תליונס האַנט)
נעם צו דיין האַנט פון מיר.

תליון

ווער אַנדערש וועט זיך צורירן צו דיר?
איז דאָ דען נאָך אַ מענטש ווי דו אויף גאָרער וועלט,
אַזאַ פאַרבענקטער נאָך אַ גלעט און נאָך אַ שמייכל?
צי איז פאַראַן דען נאָך איינער, ווי דו,
צו וועמען אַלע זאָלן פילן אַזאַ קאַלטן פחד?
פאַר דיר האָט מען דאָך מורא מער נאָך ווי פאַר מיר;
ביי מיר דאָך בעטן זיך סיי מענער און סיי פרויען
איך זאָל זיי מיטנעמען אַהער צו יעדער הינריכטונג,
און פרויען בוקן זיך פאַר מיר, פאַרוואַרפן מיך מיט בלומען,
און גיבן זיך מיר אָפּ נאָך יעדער הינריכטונג. — —
ווייל מיך האָט ליב די וועלט.

ארמילוס

זאָג, ווער האָט דיר אַזוי דיין צונג געשליפן?

תליון

אָט טאָקע דו אַליין, מיין ברודער נביא,
דו קוקסט מיר אין די אויגן — וועמען זעסטו דאָרט?

דו זעסט דאָרט זיך אַליין און ניט קיין אַנדערן,
דערפאַר דיין האַס צו מיר.

ארמילוס

אַ, שוויַיג,—עס קומט אַ נייער איבערבראָך אויף גאָר דער וועלט.

תליון (מיט חוזק)

שוין ווידער איבערבראַך, מיין ברודער נביא?

ארמילוס

געגנוג דיר שוין צו ברודערן, אַוועק פון מיר!
נעם צו דיין פּרצוף פון צו קוקן אויף דאָס נייע,
וואָס דאַרף באַלד אָנקומען צוזאַמען מיט דער נאַכט!
און איך — איך האָב נאָך ניט קיין נאָמען פאַר דאָס נייע,
נאָר כ'זע: ס'קומט די לעצטע שעה פון מגוג. —

תליון

וואָס רעדסטו?

ארמילוס

די לעצטע ענדערונג קומט אָן. —

תליון

די לעצטע? — און מאָרגן וועט אַ נייע קומען,
און דו וועסט ווידער זאָגן: לעצטע,
און איבערמאָרגן וועט אַ דריטע קומען. — —
(פון תפיסה הערט זיך קייטן־קלאַנג)

ארמילוס

דו הערסט?
(וואַקלט זיך צו פאַלן. תליון כאַפּט אים אונטער)

תליון

אַ, פאַל ניט, ברודער נביא: — איך פאַרשטיי דיך.

ארמילוס

(באפרייט זיך פון תליונס הענט, דעקט זיך איבער
דאס געזיכט)

תליון

עס איז דיר שווער, איך זע —
דיין וועג איז שוין אזא, — דיין מזל, ברודער נביא:
אזוי פיל איבערגאנגען, ענדערונגען האט די וועלט
שוין דורכגעמאכט פאר אלע יארן, וואס מיר קענען זיך,
אזוי פיל אויפשטאנדן, מלחמות און גאולות
ביז היינטיקע מלחמות, ברודער נביא;
פארשטיי איך, ווי ס׳איז שווער דיר אלע ווײַלע
צו ענדערן דעם נוסח אויך פון דיין נבואה,
און צופאסן צו יעדער ענדערונג דיין ווארט;
מיט ציטער קוקן אין געזיכט אריין פון גורל
צו אויפכאפן דעם זינען פון פאסירונגען,
און גלייך בארעכטיקן; און דאס איז ווייניק נאך —
דו מוזסט פארכאפט ווערן אזוי ווי דורך א נייעם גלויבן,
און אנצינדן דיין ווארט מיט פייער פון התלהבות. —
אין אנהויב טאג נביאות גוטע זאגן וועגן מגוג,
און איז אוונט — וועגן דעם פארמשפטן בן יוסף. —
א שווערע, ניט קיין פריילעכע מלאכה, ברודער נביא,
צו זיין פארויסגייער און נאכטענצלער צוזאמען; —
און מיר איז גוט, און מיר איז פריילעך, ברודער נביא, —
מיין האק — פאר אלע צייטן און פאר אלע העלדזער!

ארמילוס

איך בעט דיך — ווער אנטשוויגן.

תליון

דו בעטסט מיך — פאלג איך, ברודער נביא.

ארמילוס

באפריי בן יוספן פון תפיסה.

תליון

אט די בקשה קאַן איך ניט דערפילן.

ארמילוס

איך בעט ניט, איך באַפעל!
ווייל מגוג איז ניט מגוג מער,
דער באַלעבאַס בין איך, — איך פיר דעם חשבון:
די צייט פון מגוגס גדולה ענדיקט זיך. —
פּראַל אויף די תפיסה!

תליון

איך קאַן ניט, ברודער נביא.
(פון שטאָט דערטראָגן זיך קולות)

ארמילוס

דו הערסט פון יענער זייט געשרייען פון מהומה?
זאָלסט וויסן זיין — דאָס פאָלק איז אויפגעשטאַנען.

תליון

אַ, אדרבה, אויפשטאַנדן געפעלן מיר.
שוין לאַנג טאָקע דעם טאַנץ פון מחנות ניט געהערט.
(זעט ווי דער נביא וואַקלט זיך אין שלאַפקייט)

וואָס איז מיט דיר? ביזט הונגעריק, צי דאַרשטיק?
ניט שעם זיך, זאָג: דו ווייסט דאָך — איך האָב אַלץ,
ווייל מיך באַזאָרגט דאָס פאָלק מיט אַלעם גרייטן. —

(אַפּ שנעל און קומט צוריק מיט אַ בעכער וויין אין האַנט)

נעם, טרינק.

ארמילוס

(נעמט, וויל עס צוטראָגן צו די ליפּן, ערשט עס קומט אַן חנינה. ארמילוס קוקט אונגעשטרענגט אויף חנינהן)

תליון (צום נביא)

דו קענסט אים? ווער איז ער אזוינס?

חנינה

ער קען מיך. יע.

תליון

וואס שווייגסטו? ענטפער. איך פארשטיי ניט.

חנינה

וועסט פארשטיין.

תליון

אוועק פון דאנען, טראג זיך אפ וואס שנעלער.

(מבולבל)

א, נביא, ברודער, — ביזט אזוי צעשראקן.
וואס קוקט ער אזוי זיכער? ווער איז ער אזוינס?
אהערצו צו דער תפיסה ציט אים אלע ווײלע,
שוין ניט דאס ערשטע מאל היינט.
(קוקט מיט שרעק אויף חנינהן)

ארמילוס

טרינקט, ר' אורח, אייערע ליפן זיינען טרוקן, זע איך.

תליון (האקט איבער)

איך האב דעם ווײן געבראכט פאר דיר צום טרינקען.

חנינה

מע מעג אמאל אויך מיך באדינען.

תליון (גראב)

אוודאי, מעג מען.

(הויבט אויף די האק)

אט מיט וואס!

חנינה (רואיק)
און אפשר — טאקע — —

תליון (אויסער זיך)
אוועק פון דאנען, זאג איך.

(עס דערהערן זיך טרומייטער־סיגנאלן פון שליאך.
עס קומט אן רייטנדיק מגוג. צו זיין פערד צוגע־
בונדן שלעפט זיך א געפאנגענער גוג. חיילות בא־
גלייטן)

ארמילוס (הויבט אויף דעם בעכער, רופט אויס)
אט קומט די גרויסע רגע!

מגוג
זאל זיין געגריסט דיין נאמען, נביא.

ארמילוס (מיט קראפט)
און דו — פארשאלטן זיי!

מגוג (געפלעפט)
צי האב איך גוט געהערט דעם נביא?

ארמילוס
פארשאלטן זיי! פארשאלטן זיי! פארשאלטן זיי!
(שרעק צווישן חיל)

אט דאס איז די נבואה, וואס איך זע איצט,
אט דאס איז די נבואה וועגן סוף;
די לבנה קוקט היינט בלוטיקער פון נעכטן,
און מיינע ווערטער — בלוטיקער פון דער לבנה.

מגוג (שפרינגט אראפ פון פערד)
שווייג!

ארמילוס

דאָס שווייגן וועט ניט העלפֿן שויז.

מגוג

ערשט נעכטן האָסטו מיך געבענטשט.

ארמילוס

און איצט איז ה י י נ ט. און ס'קומט די קללה.
דער סדר פֿון פֿאַסירונגען איז ניט צעריסן,
און וועט קיינמאָל ניט צעריסן ווערן;
און ווער עס קאָן דעם סדר ניט באַנעמען, — ווי צו אים!
דו פֿירסט אין קייטן אַ געשמידטן גוגן, —
פֿאַרוואָרף די קייטן אויך אויף זיך אַליין.

מגוג

דו, ליגנער דו! פֿאַררעטער! העי, טרומייטערס,
פֿאַרטומלט זיינע רייד!

ארמילוס

עס וועט ניט העלפֿן.
דו זעסט דעם בעכער וויין, — אָט נעם איך און צעגיס עס,
דעם בעכער מיט די פֿיס צעטרעט איך, —

(וואַרפֿט צו דער ערד דעם בעכער, טרעט מיט די פֿיס)

אַזוי צעטראָטן וועט דיין גדולה ווערן
און אָפּגעמעקט און אָפּגעווישט אויף אייביק.

מגוג

וואו ביזטו, תליון? — קעפּ אים!

ארמילוס

אַ ביסעלע צו שפּעט, מיין האַר. דאָס פֿאָלק קומט אָן.
דו הערסט? — דאָס פֿאָלק איז אויפֿשטאַנד.

מגוג

איז אויפשטאנד? — חיל מיינס, אין שטאָט אריין!

(שפרינגט ארויף אויף זיין פערד, שמייסט מיט אימפעט, שלעפט־מיט גוגן, שרייט יאָגנדיק)

שנעל! — בן יוספס קאָפּ! — תליון!

(אָפּ אין שטאָט. חיל נאָך אים. אויך ארמילוס אָפּ. עס איילט אויף צוריק חנינה. ער לויפט צום תליון, וועלכער שטייט ביים טויער פון תפיסה מיט אן אויפגעהויבענער האַק אין האַנט גרייט אריינצו־גיין אין טויער)

חנינה (מיט זיכערקייט און גבורה אין קול)

בן יוספס קאָפּ ניט וואגן אָנצורירן!

תליון

כ׳וועל דיר דעם קאָפּ אראָפּנעמען.

(פּאַרמעסט זיך. גלייכצייטיק קומט אָן יאָסעלע)

יאָסעלע

לאָז אראָפּ די האַק!

(גיט אַ ריס די האַק פון תליונס האַנט. תליון מבולבל פון דעם אלעם קארטשעט זיך צונויף. יאָ־סעלע באַטראַכט די האַק, אַ ציטער גייט אים דורך)

זאָג, ווער האָט דיר די האַק געגעבן?

תליון

וואָס שייך ווער? — וואָס ארט מיך ווער?

ווייל ווער ס׳איז האָר, — צו יענעם דין איך. —

איך זע, אַז אויפשטאַנד קומט, נו, גוט, מיך ארט ניט. —

יאָסעלע

ווי אַלט איז זי, די האַק, — צי ווייסטו?

תליון (קייכט פון געלעכטער)

אוודאי עלטער פון דיין עלטער־עלטער זיידן.
דו פרעגסט מיך קשיות עפעס ווי א גולם.

יאָסעלע (אויסער זיך)

וואָס האָסטו געזאָגט? — זאָג נאָכאַמאָל!

תליון

וואָס איז מיט דיר?

יאָסעלע

א, קייך ניט!

תליון

איך זע, דו רייסט ניט אָפּ די אויגן פון דער האַק,
וואָס איז זי — א באַקאַנטע דיינע?

יאָסעלע

(טוט א שליידער די האַק צוריק צום תליונס פיס.
מיט ביטול)

נאַ!

תליון

ניט וואַרף זיך אום מיט איר אַזוי.
א האַק א הייליקע, אַן אַלטע. —
אַזוי פיל יחוסדיקע פינגער האָבן זי געהאַלטן,
אַזוי פיל דורות האָבן זי געשליפן,
און איצטער וואַרט זי אויף אַזוי פיל יחוסדיקע קעפּ.
איך זאָג אייך — מיר געפעלט די חוצפה פון אייך ביידן,
צו קומען שטעלן זיך אַנטקעגן מיר און אַלע שונאים
מיט מאָדנע רייד אַזוינע.
איך שפּיר אין אייך א שייכות צו דעם אויפשטאַנד, —
דער אויפשטאַנד, פיל איך, האַלט ביי זיגן,
און איך האָב אַפשיי אַלע מאָל פאַר די, וואָס זיגן, —

איז וואקסט מיין אַפּשיי אויך פאר אייך; —
אט נויג איך זיך פאר אייך און זאג:
בין גרייט צו דינען, מיינע הערן,
(פארנויגט זיך)

און האט ניט מורא, איך אליין האב ליב בן יוספן.
(אַפּ אין זיין ביידל אריין)

יאָסעלע (ניט געקומען נאך צו זיך)

געווארן פּלוצים טונקל פאר די אויגן.
אַז עפּעס אַלט־אַלט אַמאָליקעס דערמאנט זיך: —
אליין אמאל א האָב אזא געהויבן, — — —
אין עלנט, אין פארצווייפלונג — אין געשריי — אין שנאה —
אזוי פיל קעפּ — קעפּ — און בלוט — און הייזער פאלן —
און מענטשן פאלן — — שרעקלעך צו דערמאנען זיך.

חנינה

און מיינע אויגן זעען אויך די מ א ר ג נ ד י ק ע האַק.

יאָסעלע

וואס רעדסטו?

חנינה

ווייל אויך די גאולה וועט ניט אויסמיידן די האַק.

יאָסעלע

דערשרעקסטו זיך?

חנינה

יע.

יאָסעלע

און טרויערסט?

חנינה

זייער.

יאָסעלע

דו ווילסט צוריק אין מדבר?

חנינה (שאַרף)

ניין.

יאָסעלע (געװנדערט)

און מיר װערט װידער פריילעך, ברודערל. —
דערמאַנט זיך אַז אַמאָליקעס — און אַט, שוין װידער גוט.
און אַט, פאַרגעסן שוין. איך װיל פאַרגעסן.
איך װיל ניט טרויערן. איך װיל זיין פריילעך.

(זעט, װי חנינה לענט זיך אָן אַ װאַנט, פאַרדעקט
סיפּנים מיט די הענט, און װי זיין גאַנצער גוף ציטערט. יאָסעלען באַפאַלט אַ כעס)

װאָס איז מיט דיר? דו טרויערסט צופיל.
איך קאָן דאָס ניט פאַרטראָגן. איך קאָן עס ניט פאַרליידן. —
כ'האָב פיינט דאָס טרויערן.

חנינה (קוקט אים אָן)

אויך מיינס?

יאָסעלע (שװייגט)

חנינה

נו, זאָג שוין אָפן, אַז דו האָסט מיך פיינט.

יאָסעלע (שװייגט)

חנינה

װאָס שװייגסטו? און װאָס קוקסטו מיר ניט גלייך אין פּנים?

יאָסעלע (פאַרשטאַמלט)

פאַרגיב מיר, ברודערל, פאַרגיב מיר.
כ'האָב טאַקע עפּעס שלעכטס אַ טראַכט געטאָן,
אַ פינצטערע מחשבה קעגן דיר. —

חנינה

איך האָב עס גלייך דערפילט. — — רעד אָפן.

יאָסעלע

איך ווייס ניט, ברודערל, — איך ווייס ניט ווי צו זאָגן.
כ'האָב קוים אַוועקגעיאָגט פון זיך דעם אַלטן טרויער — —
איז נעמסטו און פילסט אַן מיט טרויער שוין דעם מאָרגן.

חנינה

איז ווילסטו דאָס ניט לײַדן ?

יאָסעלע (שאַרף)

ניין.

חנינה

איך זע אין דײַנע אויגן : וועסט אַ שונא ווערן.

יאָסעלע

וועמען ?

חנינה

מיר.

יאָסעלע

וואָס רעדסטו, ברודערל ?

חנינה (ווי צו זיך אַליין)

ווילסט פרייד. דו ווילסט קיין טרויער ניט.
און וואָס איז טרויער ? טרויער איז אחריות. — — —

פאר אלץ, פאר אלעמען, פאר אלע צייטן. — —
נו, יע, עס קומט דיר פרייד. א סאך, א סאך.
עס קומט דיר שכר. פאר ליגן אין דער פינצטער,
פאר ליגן טויט. — —
עס קומט דיר פרייד, עס קומט דיר גליק א סאך. —
און מיר קומט גארנישט;
ווייל וואס איז מדבר־עלנט קעגן טויט? — —
אז מיר זאל עפעס קומען — דארף איך אויך, מסתמא,
פארזוכן פינצטערניש און טויט.

יאָסעלע
וואס רעדסטו, ברודעל?
(אויסברוכן פון שיסערייען צעטראגן זיך, פייערן נעמען שפארן צום הימל. יאסעלע כאפט אן חנינהן פאר די הענט)

א, ברודערל, איך האב דיך ליב.

חנינה (לאזט זיך צו דער שטאט)
מיר דארפן דארטן זיין.
(ביידע אפ)

בילד פינף

תפיסה־צעל. משיח בן יוסף איינגעדרייט אין קייטן שטייט צוגעשמידט צו א וואַנט. אויך לילית. אַוונט

משיח בן יוסף

דער לעצטער שטראַל האָט זיך פאַרלאָשן, לילית, —
די לעצטע שעה קומט אָן. מיר דאַרפן גרייט זיין
באַגעגענען דעם תליון, ווי עס פּאַסט פאַר אונדז,
מיט רואיקייט און שטאָלץ.

לילית (פאַרצווייפלט)

איך וויל נישט שטאַרבן!

משיח בן יוסף

פון אַלע פּיינען איז מיר פּיינלעכער
דיין אויסגעשריי אַט דער.

לילית

כ'וועל שרייען נאָכאַמאָל,
און נאָכאַמאָל, אַז מיין געשריי זאָל דורכברעכן
די ווענט, די שלעסער און די טירן,
און דורכשטעכן די ערד אויף דורך און דורך: —
איך וויל נישט שטאַרבן!

משיח בן יוסף

מיר שטאַרבן נישט.

לילית

אַ, שפּיל זיך נישט מיט ווערטער איצט. דעם אמת זאָג —

דער טויט איז דאָ מיט אונדז שוין. דאָ.
אַט פּויזעט ער, אַט קלאַפּט ער מיט די האַרטע קנעבלעך,
אַט נעמט ער מיך אַרום. דאָס לייב מיינס גליווערט.

משיח בן יוסף

זאָל מיין געדולד און ריאַקייט דיר זיין אַ טרייסט.

לילית

אַ, טרייסט מיך ניט. די טרייסט איז ביטער איצט
אַפילו, ווען עס קומט פון דיר. כ׳וויל לעבעז. לעבן.
פאַרדראָסן האָבן אַלע דיך. אַפילו ער — דער נביא.
געקניט פאַר דיר, געריסט דיין נאָמען,
צו אַלעמען דיין גאולה־וואָרט געטראָגן,
און נאָכדעם איבערגעגעבן דיך אין מגוגס הענט,
די הענט פון ווילדן וועלט־פאַרפייניקער.

משיח בן יוסף

נו, הערסט דאָך, — אַז מיין צייט איז ניט געקומען נאָך.

לילית

דיין צייט — דיין צייט! — כאָטש פאַרן טויט הויב אויף
דיין קול, און וואַרף דיין צאָרן, דיין באַליידיקונג
אין פּנים פון דער צייט. — צי ביזטו ניט בן יוסף מער,
דער אויסדערוויילטער, דער גערופענער, דער שטאָלצער מורד?
צי האָט דאָס פאָלק דיך ניט געטראָגן אויף די הענט מיט שמחה?
אַ, וואו איז דיין מרידה אהינגעקומען און דיין גבורה?
דיין קול — וואָס האָט דורך אַלע וועגן און שלעסער
געריסן זיך ווי ס׳רייסט זיך דורך אַ דונער,
איז שטיל געוואָרן מיטאַמאָל, דערשטיקט אין זיך.
די קייטן רוען אויף דיין לייב. קיין ריר, קיין קלונג,
אַזוי ווי אַלע גלידער דיינע וואָלטן אָפּגעפאַלן.
מיך שרעקט דיין שטילקייט, דיין הכנעה אין דער לעצטער שעה.

משיח בן יוסף

ניט רייץ מײַן שטילקייט, זאָג איך דיר, ניט רייץ.
איך קאָן צערייסן מײַנע קייטן, נאָר — א י ך װ ו אַ ר ט.
געדולד — אָט דאָס איז איצט מײַן גבורה.

לילית

געדולד? — ווי קומט צו דיר אויף דײַנע ליפּן
דאָס וואָרט דאָס מיאוסע פון אַלע נבלעס? —
צי ביזטו ניט געקומען דאָס געדולד צעברעכן? —

משיח בן יוסף

ס'איז דאָ אַן אַנדער מין געדולד. — געדולד פון דעם,
וואָס זאַמלט און לײַטערט זײַנע כוחות
אַפילו פאַרן טויט. די לעצטע רגע קומט, —
פונדעסטוועגן — איך הער ניט אויף צו וואַרטן.

לילית

אויף וועמען?

משיח בן יוסף

דו ווייסט אויף וועמען.

לילית (מיט פאַראַכטונג)

שוין ווידער דער חנינה? — דער בן דוד?
וואו נעמט מען כוח צו פאַרטראָגן אַזאַ חרפּה!
בן יוסף זאָל דערגיין צו אַזאַ ירידה
צו אָנהענגען דאָס גליק פון מענטשן און פון זיך
אָן איינעם, וועמען קיינער קען ניט, קיינער זעט ניט,
אָן איינעם, וואָס איז נאָר אַן אויסגעטראַכטער חלום,
אַ ווייטע, אַ פאַרפירערישע האָפענונג. —

משיח בן יוסף

אויך איך בין — איידער מענטשן האָבן מיך דערקענט —
אַ חלום נאָר געווען, אַן אויסגעטראַכטע האָפענונג.

לילית

צי גלויבסטו ניט אין זיך, אז דו און ניט קיין אנדערער
באַדאַרפֿסט האָט קומען ברענגען די גאולה?

משיח בן יוסף

איך גלויב אין זיך און גלויב אויך אין דעם אַנדערן.
אַז אים וואָס בין איך, לילית? אַז בן דודן, וואָס בין איך?

לילית

אַ פּחדן ביזטו, איך זע. —
צו וואָס האָסטו דערפֿירט זיך?
צום מיאוסן געדאַנק, אַז דו ביזט נאָר אַ פֿאָרגייער,
אַן אָנזאָגער אַ נאַרישער, אַן אויסטרעטער פֿון וועגן
פֿאַר עמיצן אַן אַנדערן; דאָס הייסט, אַז דו
ביזט ניט דער אמתער משיח, נאָר אַ פֿאַלשער, —
דער אמתער איז ער — ד ע ר אַ נ ד ע ר ע ר. —

משיח בן יוסף

אָ, פֿייניק ניט.

לילית

איך וועל, איך וועל דיך פּייניקן דערפֿאַר.
די זאָמען פֿון מרידה און פֿון פֿרייהייט
האָסטו געזייט, דעם וועג צו אַלעמענס גאולה
האָסטו אַנטפּלעקט, — דעם אָרימען דערהויבן,
די רייכע און די הערשער צו דער ערד געשליידערט.
האָסט אַלץ אַליין געטאָן, אַליין געקעמפֿט, אַליין פֿאַרגאָסן בלוט,
און איצט וועט קומען ער — דער אַנדערער אויף אַלעם גרייטן,
און דו אַליין וועסט נאָך אים אָנטאָן אויפֿן קאָפּ
די קרוין פֿון ריינער קדושה און פֿון צדק,
און ער וועט דיר דערפֿאַר באַדאַנקען מיט דעם נאָמען—ר ש ע—
אַט הער איך דאָך אפֿילו איצט די ליפּן דיינע נאָכאַנאַנד
מיט ציטער פֿליסטערן: אָ, קום, חנינה, קום, בן דוד. —

נו, זאָל ער קומען, זאָל ער זיך אַהער באַווייזן —
אַז איך זאָל קאָנען פאַר מיין טויט כאַטש
מיין גאַנצע שנאה אים אַריינשפּייען אין פּנים.

משיח בן יוסף

צי האָסטו מער ניט ליב מיך, לילית?

לילית

כ'האָב ליב בן יוספן, דעם אויסדערוויילטן,
דעם איינציקן, דעם שטאָלצן,
וואָס מאַכט מיט קיינעם ניט קיין שותפות אין זיין גורל.

משיח בן יוסף

ניט איך האָב אָנגעצייכנט אַט די שותפות.

לילית

ניט דו? — איז ערגער נאָך און שענדלעכער פאַר דיר.
דער ביטערער נביא האָט עס אָנגעצייכנט און אַנטפּלעקט.
אַט דער, וואָס קריכט אַרום און כשופט ווי אַ שלאַנג,
און טוט אַ ביס, און טראָגט זיך אָפּ, און קומט צוריק,
און כשופט ווידער און פאַרכשופט אַלעמען אויף אייביק, —
און דו האָסט אָנגענומען אַט די העסלעכע, געמיינע שותפות
מיט גוואַלד, און טראָגסט עס ווי אַ וואונד אין האַרץ,
און ווילסט נאָך איינשמועסן אי זיך, אי מיר,
אַז דו ביזט גליקלעך גאָר צו זיין אַ פאַרגייער, אַן איבערגאַנג.
געשלאָגן איז דיין מוט, אַ יורד ביזטו,
און ווי אַ יורד וועסטו שלעפּן זיך צום טויט.

משיח בן יוסף

צי איז ניטאָ קיין ברעקל רחמים אין דיין האַרץ?

לילית

ווילסט רחמים? — רחמים ווילסטו איצט?
כ'וויל מאַכט, מאַכט און ניט קיין רחמים.
און כ'וויל ניט שטאַרבן.

משיח בן יוסף

וואס ווילסטו זאל איך טון?

לילית

פארשילט חנינהן! רייס ארויס פון הארץ
די מינדסטע ליבשאפט דיינע צו בן דודן. —
(זיווארט)

וואס שילסטו ניט? וואס שווייגסטו?
וואס זינקט אזוי דיין קאפ אראפ צום הארצן?
צי איז דיין ליבשאפט צו בן דוד גרעסער ווי צו מיר? —
וואס שווייגסטו?

משיח בן יוסף (מיט א געזונקענעם קאפ. שווייגט)

לילית

תליון, תליון, — קום אהער,
זיי דו מיין גואל, נעם מיך, לייז מיך אויס. —
וואו ביזטו, תליון? —
(תליון ווייזט זיך אין אויפגעשלאסענער טיר)

קום אהער צו מיר.
איך גיב זיך דיר אוועק אינגאנצן, תליון.
מיט דיר צוזאמען פראווען די גאולה. —
די אמתע, די גאולה פון מיין לייב. —
מיין חתן גוססט, זעסט, —
זיי דו מיין חתן.
(תליון נעענטערט זיך לאנגזאם)

קום נעענטער, דרייסטער. שלים מיך אפ פון קייט;
נא, זע ווי היים די באקן מיינע ברענען,
נא, רייס אראפ מיין קלייד פון מיר,
פארקלאמער מיך אין דיינע ארעמס, טראג מיך,
און ברענג מיך אויפן מיטן מארק, און ליג מיט מיר
פאר אלעמען אין די אויגן, זינג מיט מיר
דאס ליד פון אמתער גאולה. —

(תליון מיט אויסגעשטרעקטע הענט נעענטערט זיך צו איר מיט דער האַק אין האַנט, די האַק לאָזט זיך אַרונטער. ער קלאַמערט איין לילית אין זיינע אָרעמס, זויגט זיך אַריין אין איר פּנים. בן יוסף אַן אויפגעשווידערטער קוקט צו. מיט זיין גאַנצער אַנגעשטרענגטער גבורה גיט ער זיך אַ ריס. די קייט, וואָס שמידט אים צו צו דער וואַנט, לאָזט זיך נאָך. אַ פאַרפּלאָנטערטער אין די קייטן, וואָס אויף זיינע פיס, גיט ער זיך אַ וואָרף צום תליון. יענער, באַצייטנס שפּרינגט אָפּ און זיין האַק אין האַנט איז ווידער אויפגעהויבן אין פאַרמעסטונג)

לילית (מיט אַנטציקונג)

אַ, גבור מיינער, ליבער מיינער,
ביזט ווידער דער, וואָס איך האָב ליב,
ביזט ווידער שטאָלצער, ניט־באַזיגבארער בן יוסף. —
אַט דאָס האָב איך געמיינט, אַט דאָס האָב איך געוואָלט. —
באַפריי אויך איצטער מיך. באַפריי. —
(צום תליון)
און דו — אַוועק.

תליון (צו בן יוסף)

אַז דו ביזט אויף אַז אמת אַזאַ גבור, —
און אַז דאָס פאָלק אין אויפשטאַנד שפּאַרט אַהער, —
דו הערסט — מע ברעכט דעם תפיסה־טויער, —
איז וואָס האָב א י ך דאָ איצטער וואָס צו טון? —
(צו לילית)
און דיר אַ דאַנק. —
(אָפּ. מע הערט טומל פון דרויסן, געקלאַפּעריי, שטורעם)

משיח בן יוסף

דאָס פאָלק אין אויפשטאַנד קומט אַהער.
אַ, לילית, פרייהייט קומט!

לילית

באפריי מיך דו, ניט ווארט. צעריים די קייט.

משיח בן יוסף

ניט צונעמען ביים פאַלק די פרייד פון ברעכן קייטן,
געוואַרט אזוי פיל — ווארטן נאָך א ביסל, לילית.

בילד זעקס

ביי די שטאָט־טויערן. נאַכט. פון יענער זייט צוג־
גען פייערן רייסן זיך אין הימל אַריין. אַפגעלייגט
אַן אַ זייט פון הויפּט שליאַך ליגט אַ מחנה היימ־
לאָזע קינדער, איינגעטוליעט איינע צו די אַנדערע.
דבורהל זיצט איבער זיי און וואַכט

דבורהל

ליגט, קינדערלעך,
מאַכט צו די אויגן,
און איך וועל זיצן
און היטן אייך.
אין שטאָט שלאָגט מען זיך,
און הייזער ברענען. —
וועלן מיר שלאָפן דאָ
אויפן גרינעם גראָז.

יינגל

כ'וויל זען ווי משיח קומט.

מיידעלע

איך וויל אויך זען משיחן.

צווייט מיידעלע

איך האָב אים שוין געזען.

יינגל

ער איז אין פייער דאָרט.

צווייט יינגל

ער איז גאָר אין תּפֿיסה. —

צווייט מיידעלע

אין תּפֿיסה איז אַן אַנדערער.

צווייט יינגל

איר הערט — קייטן קלינגען.

דבורהל

שלאָפֿט, קינדערלעך.
אַלע זיינט איר מיינע. —
צער פֿון טראָגן,
צער פֿון געבוירן, —
וואָס איז פֿון דעם אַלעם
היינט געוואָרן? —
שלאָפֿט, קינדערלעך,
איך דעק אייך צו, —
עס טאַנצט איבער אייך
דער שיין פֿון פֿלאַמען; —
ווער האָט מיך געמאַכט
פֿאַר אייער מאַמען? —

(פֿון שטאָט־טויער נעמט קומען דאָס פֿאָלק. פֿריער איינציקווייז, דערנאָך אין מחנות, אַלע — צום טויער פֿון תּפֿיסה. יאָסעלע קומט אויך אָן, דער־זעט דבורהלען; מיט פֿריידיק־אויסגעשטרעקטע הענט צו איר)

יאָסעלע

דבורהלע!

דבורהל

אַליין?

יאָסעלע (אין פֿארלעגנהייט)

אַז אים איז עפּעס ניט גוט — חנינהן.
ער איז טרויעריק. —
זיין רצון איז אויסגעפּירט. —
דאָס פֿאָלק איז אויפֿגעשטאַנען. —
דער וועלט־רוצח מגוג איז געפֿאַנגען. —
און אים איז עפּעס ניט גוט — חנינהן.

דבורהל

וואו איז ער?

יאָסעלע

שלייכט זיך ארום איבער די ברענענדיקע גאַסן,
שטעלט זיך אָפּ נעבן יעדן דערהרגעטן,
בויגט זיך איין און קוקט און קוקט, —
און שווייגט. — שפּאַנט אוועק ווייטער,
און שטעלט זיך ווידער אָפּ נעבן א דערהרגעטן,
און קוקט ווידער, און שווייגט. —
און לאָזן זיך צום פֿאָלק דערקענען — וויל ער ניט.
ניט צייט נאָך, — זאָגט ער.
באַהאַלט זיך אוים.

דבורהל

האָסטו אים איבערגעלאָזט אליין? —

יאָסעלע

אַז קוקן אויף דערהרגעטע וויל איך ניט. —
צו וואָס? — מיר איז פֿריילעך, מיר איז גוט.
קום, דבורהלע, — מיר גייען בן יוספֿן באַפֿרייען.

דבורהל

און די קינדער ווער וועט היטן?

יאָסעלע

רעדסט אויך אזוי טרויעריק. —

דבורהל

די קינדער ליגן הונגעריקע.

יאָסעלע

אַלע זיינען הונגעריקע, איך אויך. —
און — ס'איז פריילעך.

(אַפּ מיט פּאַלק, וואָס פלייצט מחנותווייז, מיט פּאַק־לען און אַלערליי געווער אין די הענט. דבורהל זעצט זיך אין פאָרנט פון די קינדער, ווי אַ שוץ צווישן זיי און די מחנות. איז אָנגעשטרענגט די גאַנצע צייט, אַז די פיס פון פאַרבייגייער זאָלן ניט אַרויפטרעטן אויף די קינדער)

דבורהל

פאַרזיכטיק, מענטשן. דאָ ליגן קינדער.

פאַרבייגייער

ווען מען אַרט עס פּאָר קינדער היינט?
מע פירט גוג און מגוג אין תפיסה אַריין.
די גאולה קומט.

ערשטע מחנה

זאָל לעבן דער שלום אויף גאָר דער ערד!
די ביקסן פון די אַקסלען אַרונטער!
(וואַרפן אַרונטער סיגעווער פון זיך)

צווייטע מחנה (דורך פאַרשיידענע קולות)

איר פּראַוועט שוין שמחות? שמחות?
קעציישע מוחות! —

ווי שנעל איר פאַרגעסט זיך.
— משיח בן יוסף איז אין תפיסה נאָך.

— די בייכער געשוואָלן פון הונגער נאָך.

— מלחמה־הרוגים נאָך ניט באַגראָבן.

— שריפות נאָך ניט פאַרלאָשן.

— קלייבט אָראָפּ פריער די לייַז פון די לייבער,
דערנאָך וועט איר פּראַווען שמחות.

ערשטע מחנה

מיר גלויבן אין דער גאולה.

צווייטע מחנה

אָבער מערער נאָך גלויבט אין די אייגענע פויסטן.
מיר דאַרפן די גאולה אַרייַננעמען פעסט אין די פויסטן!

ערשטע מחנה

דער קריג איז געענדיקט,
וועלן מיר איינס און צוויי באַפרייען בן יוספן,
און די תפיסה צעשמעטערן.

צווייטע מחנה

די תפיסה זאָל בלייבן.

ערשטע מחנה

גאולה — און תפיסה?

צווייטע מחנה

— שונאים לרוב נאָך, אַ חוץ גוג און מגוג. —

— מיר זיינען שוין איצטער קלוג,
און קוקן אין אַלע פיר זייטן.

— פייַן האָט געלערנט אונדז קלוגשאַפט.

— נויט האָט געלערנט אונדז וואָך זיין.
און אָפּגענאַרט זיינען מיר געווען שוין ניט איין מאָל.

ערשטע מחנה

א, וואו איז דער נביא?
א וואָרט פון אים הערן.

— און וואו איז דער וואַנדערער, וואָס מע זאָגט — ער
איז פון מדבר?

— אין די פענצטער געקלאַפּט, צו אויפשטאַנד געוועקט.

צווייטע מחנה

— ער איז דאָ צווישן אונדז, מסתמא. —

— צו וואָס אים דערקענען ווער איז ער?

ער איז איינער פון אונדז, מסתמא. —

— זיין אויסזען איז פאַר קיינעם ניט וויכטיק.

— צוריק אויף די אַקסלען די ביקסן!
— ווער עס טוט ניט די ביקס אַן צוריק,
דער פאַרראַט די גאולה!

(אַלע טוען אָן צוריק דאָס געווער, מישן זיך אויס
אינאיינעם. עס שפּרינגט אַרויס איינער אַ לץ)

לץ

פאַרראַט די גאולה? —
איר וועט סיי ווי פאַרראַטן.
צי מיט אַ ביקס,
צי אָן אַ ביקס.

שטימען

ער איז שוין דאָ דער לץ.

לץ

אוודאי, בין איך דאָ.
מיר איז לאַנגווייליק פ א ר דער גאולה,
מיר איז לאַנגווייליק א י ז דער גאולה,

הײַנט ווי וועט שוין זײַן, איך פֿרעג אײַך,
נ אָ ך דער גאולה ? —
די פּנימער אײַערע זײַנען אַלע באַקאַנט מיר,
און איך — איך זוך דעם אומבאַקאַנטן.
דאָס ביסעלע אומאָרדענונג הײַנט —
וואָס קלעקט עס מיר ?
איך בענק נאָך פֿולן כאַאָס.
וואָס קוקט איר אויף מיר, ווי מע קוקט אויף אַ לץ, —
אָדער ווי אַ גולם קוקט אויף אַ גנעץ ! —
(יאָסעלע וואַקסט אויס, שפּאַנט צום לץ)

יאָסעלע

מאַך צו דײַן מויל, פּלוידערזאַק.

לץ

ווער ביזטו ?

יאָסעלע

דער גולם, וואָס דו האָסט דערמאַנט.
כ'וועל די צונג דיר אַרויסרײַסן.

לץ

וועט מיר פֿאַרשפּאַרט זײַן אַלע ווײַלע זי
אַרויסצושטעלן אַלעמען.

שמעון

אפֿילו איצט נאָך פּראַוועט ער לצנות.

לץ

וואָס איז איצט ?
איצט קאָן איך דאָך אַוודאי אײַך זאָגן דעם אמת.
איר דאַרפֿט דאָך קיינעם ניט, נאָר מיך.
איר שלינגט דאָך מײַנע רייד ווי זיסן האָניק. —
איר ווילט דאָך אײַנדערעמתן קיין זאַך ניט,

נאר לוסטיק זיין, לוסטיק זיין, לוסטיק זיין.
איך בענקט דאך גאר אלע נאך אז אויסלייזער א ליץ.

יאָסעלע

גיי פון דאנען.

(פארמעסט זיך אויף אים)

שטימען

טראָג זיך אָפּ, ליץ, אז ניט ביזטו פארפאלן.

יאָסעלע

(גיט א נעם דעם ליץ, א הויב צו דער הייך און א
זעץ ארונטער. די ארומיקע, האלב־צעשראָקן,
האלב־צופרידן, רוקן זיך פונאַנדער)

שטימען

ווער איז ער?
קוקט נאר אז א הייד, א גבורה.

ליץ (קומט קוים צו זיך)

אז מע קריגט אזא זעץ,
ווערט מען אויס ליץ. —
פאר גבורה האב איך אלע מאל אפּשיי,
און פאר גבורה, וואס שטראַמט פון פאָלק — אוודאי.

(צו יאָסעלען)

א דאנק דיר, ברודערל, — האסט מיך געראטעוועט. —
איך ווער ערנסט, איך ווער א גלויביקער. — —

(צום עולם)

ברידער, ברידער, — הערט:
אויף צוויי גואלים־משיחים האבן מיר אלע געווארט. —
איינער זאל זעטיקן אונדזער הונגער, אונדזערע תאוות,
נקמה נעמען אונדזערע נקמות; —

דער צווייטער זאָל אונדז ברענגען
חכמה, גוטסקייט, צדקות, — שטילקייט. —
ניט אַזוי דען, מײַנע ליבע ברידער?

(צו יאַסעלען)

ניט אַזוי דען, האַ?

(אַלע לאַכן, יאַסעלע אויך)

נו, זעט, איר זײַנט אַלע מסכּים.
די משיחים ביידע זײַנען שוין געקומען. —
איינער זיצט אין תּפיסה, —
דער צווייטער איז געווים צווישן אונדז דאָ ערגעץ.
כ׳וואָלט שווערן, אַז איך זע אים.

(גיט זיך אַ טונק אַרײַן אין עולם. יאַסעלע נאָך אים. אַלע חידושן זיך. לץ דערשײַנט גלײַך צו־ריק, מיטשלעפּנדיק פאַר אַ האַנט חנינהן. חנינה לאָזט זיך ניט. רײַסט זיך פון זײַנע הענט)

חנינה

וואָס ווילט איר פון מיר?

לץ

און וואו איז דער פריערדיקער, דער שטאַרקער? —
צי זעען זיי ניט אויס ווי ברידער צוויי, האַ?

שטימען

אמת, אמת, ווי צוויי טראָפּן וואַסער.

לץ

און ביידע האָבן אַזוינע אויגן שאַרפע, —
אַזוינע אויגן מאָדנע, קוקט זיך אײַן, ברידער. —

שטימען

ווער איז ער?

לץ

איך מאַך קיין טעות ניט; איך האָב אַ חוש.
כ'האָב נעכטן אים געזען אין געדיכטעניש פון מאָסן,
אין סאַמע האַרץ פון אויפשטאַנד,
און איך האָב גלייך אויף אים אַן אויג געוואָרפן;
ווייל וואו ער פלעגט זיך נאָר באַווייזן
און אויסרעדן נאָר עטלעכע געציילטע ווערטער,
פלעגט אויפפלאַקערן אין יעדערן דער ווילן,
דאָס גלויבן אין נצחון. — זעט, אפילו איך,
דורך זיינע רייד, בין אויפגעריכט געוואָרן. — — — —
ער וויל ניט לאָזן זיך דערקענען. —
צי זעט ער דען ניט אויס ווי אַ מדבר־מענטש?

(צו חנינהן)

ביזט אַ נסתר, האַ?

חנינה

כ'האָב פיינט אַ לץ.

לץ (אויך מיט כעס)

כ'קאָן אויך אין כעס ווערן.
צווינגסט מיך,
כ'זאָל ווידער נעמען רעדן בייז, מיט שפּאָט,
און וואַרפן אַלעמען מיין גאַל אין פּנים. —
איך זאָג: — פאַר אַלץ וועט איר באַצאָלן,
פאַר רשעות און פאַר צדקות,
פאַר שנאה און פאַר ליבשאַפט; —
איר צאָלט פאַר קנעכטשאַפט, —
וועט איר אויך באַצאָלן פאַר גאולה. —
אַז ווי צו אייך ווען איר זיינט חיב,
און נאָך מער ווי — ווען איר זיינט זכאי!

חנינה

שוויג!

ליק

אהא, אין סאמע הארץ געטראפן.
איך זאג אייך נאכאמאל: ס'איז ער. ער, —
דער נאכטיקער, דער אנצינדער פון אויפשטאנד.

(צו חנינהן, וועלכער רייסט זיך)

אנטלויף ניט. זײ מיט אונדז. מיט אונדז.
מיר זיינען גראב, נאר אונדזער פרייד איז עכט.

שטימען

אנטלויף ניט. זײ מיט אונדז און זאג עפעס. —

יאסעלע

(שפארט זיך, אנגעלאדן מיטן עולמס שטימונג)
דאס פאלק דערקענט דיך, וויל דיך.

(צום עולם)

וואס שטייט איר? נעמט אים, טראגט אים. —
ער איז שעמעוודיק, ער איז שטיל. —
לאמיר אלע אינאיינעם, אינאיינעם, אינאיינעם משיחן בן ד — — —

(חנינה פארמאכט אים מיט די הענט די ליפן, לאזט אים ניט ענדיקן; דער עולם כאפט ניט וואס דא טוט זיך. עס צעטראגט זיך א טרומייטעריי און געפויק. נאך אן עולם לויפט אן מיט אויסגעשריי: „מאכט א וועג, מע פירט גוג און מגוג אין תפיסה!" — אלע לאזן זיך אויף צוריק מיט אויסגעשרייען פון העלער נקמה. עולם לאזט אפ חנינהן)

חנינה (אין צארן צו יאסעלען)
האסט ניט געטאן מיין פארלאנג.

יאסעלע

דאס פאלק וויל דיך קענען.

חנינה

ס'איז נאָך ניט צייט.

יאָסעלע

איז פ אַ ר דער צייט.

חנינה

אָבער מיין ווילן איז נאָך ניט דערביי.

יאָסעלע

איז ק ע נ ן דיין ווילן. —

חנינה (דערשטוינט)

קענן ?

יאָסעלע

יע.

(חנינה געפלעפט פון יאָסעלעס רייד. דער עולם גיט ווידער אַ שפּאַר און פארפלייצט יאָסעלען מיט חנינהן. מע פירט גוג און מגוג צוגעשמידט איינער צום אַנדערן אויף אַ קייט. צו דער קייט זיינען אויך צוגעבונדן אַ סך פון זייערע אונהענגער, קריגספירער, מאַכטהאָבער, רייכע. פאָלק באַגלייט זיי מיט פלעסקעריי, שימפערייען. מע גראַגערט און מע פייפט אין פייפלעך. נביא ארמילוס שפּאַנט פאָרויס)

פאָלק

— תליונים! טיראַנען! הערשער!
— שנעלער, רירט מיט די פיס,
די תפיסה וואַרט אויף אייך!
— גיט זיי פארזוכן דעם טעם פון דער האַס.

— זייט זיי מכבד מיט הונגער.

— זייט זיי מכבד ווי עס פּאַסט פאַר מלכים.

— ארונטער זייערע קעפּ.

(ארמילוס הויבט אויף די הענט. פאָלק ווערט שטיל)

ארמילוס

ניט אַפּקילן וויל איך אייער צאָרן, ברידער,
נאָר היטן, פארהיטן. די שטראָף די גערעכטע
זאָל קומען דורך ריינעם באַוואוסטזיין.
די צייטן פון צופאַל פארגייען אויף אייביק.
עס קומען די צייטן פון קלאָרן סך הכל,
און גליק וועט קומען אין פּיין פון אחריות,
דורך ווייען פון גוואלד און דורך ווײ פון הפקרות,
דורך אייך און דורך אייערע צערפּולע הערצער,
דורך אייערע ליידן, ברידער.
(שטרעקט אויס זיין האַנט צו דער תפיסה)

און מיר האָבן געוואגט שוין צו פרייען זיך,
נאָך איידער מיר האָבן באַפרייט דעם מאַרטירער.
דעם גואל־מאַרטירער בן יוסף.

פאָלק

זאָל לעבן משיח בן יוסף!

גוג און מגוג

פאַררעטער!

ארמילוס

וואס קוקט איר ניט גלייך אין געזיכט פונם גורל,
איר, נעבטיקע לייבן?
דער סדר פון פּאַסירונגען איז ניט צעריסן
און וועט קיינמאָל ניט ווערן צעריסן,
און דער, וועמ עס קאָן ניט דעם סדר באַוואונדערן,
און בויגט ניט דעם קאָפּ איין — אז ווײ צו אים.

גוג און מגוג

ליגנער!

ארמילוס

גרייט אַן אייער האַלדז פאַר דער האַק דער גערעכטער.

פאָלק

דער גואל אַליין זאָל זיי היניריכטן!

(מע רינגלט ארום די תּפיסה. מע צעפּראַלט דעם טויער. אַלע שפּאַרן זיך אין טויער. פרייד אויס־געשרייען. מע טראָגט אויף די הענט בן יוספן, לילית און אַלע אַנדערע פון תּפיסה ארויס. מע טראָגט צו בן יוספן צו ארמילוסן, מע לאָזט אים ארונטער)

פאָלק

זאָל לעבן משיח בן יוסף!

בענטש אים, נביא. —

ארמילוס

זיי געבענטשט, גואל, — זיי געבענטשט, גבור,

די שונאים פון פאָלק ליגן ביי דיינע פיס;

דו גיב אַ טראָט און טרעט אריבער,

און נעם נקמה, — נקמה איז זיס.

משיח בן יוסף

ביזט מיט מיר, נביא?

ארמילוס

מיט דיר און מיטן פאָלק, גואל.

פאָלק

נקמה פון גוג און מגוג!

משיח בן יוסף

איך וועל נעמען נקמה,
כ'בין אַ נוקם ונוטר!

ארמילום

און אַט האָב איך געזען אַט ערשט בנבואה:
די קעפּ די פאַרשאָלטענע פון גוג און מגוג
אראָפּהאַקן וועט זיי דער גואל אליין.

יאָסעלע

ריכטיק, ריכטיק. איך האָב אויך געוואָלט זאָגן —

ארמילום

וואָס?

יאָסעלע

דער גואל אליין, — ווייל אזוי זע איך אויך אין מיין חלום.

ארמילום

אין וואָס פאַר אַ חלום?

יאָסעלע

צי ווייסטו דען ניט, אַז איך חלום אַ חלום? —
טאַ וויים, און איר אלע זאָלט וויסן. —

ארמילום

דער גורל אליין רעדט ארוים פון זיין מויל, —
דער משפּט אליין. —

משיח בן יוסף

(איבערראַשט קוקט זיך איין שטאַרק אין יאָסעלען,
אנגעשטרענגט און פארוואונדערט)
אַ מאָדנער פּנים. אַ באַקאַנט פּנים.
ווער ביזטו?

יאָסעלע

קיינער ניט. — נאָר יאָסעלע.

משיח בן יוסף

פון וואַנעז קומסטו?

יאָסעלע

פון ערגעץ ניט. — נאָר פון בוידעם.

(שפּאַנט צו צו גוג און מגוג, גיט זיי אַ כאַפּ פאַר די קאַרקן, גיט זיי אַ שליידער מיט די פּנימער צו בן יוספס פיס. זיי בלייבן ליגן. צו בן יוספן)

אַט וואַרף איך צו דיינע פיס די שונאים פון פאָלק,
שפּאַן אַריבער איבער זיי!

פאָלק (באַגייסטערט)

שפּאַן אַריבער, גואל!

ארמילוס

שפּאַן אַריבער!

משיח בן יוסף

(ווי פאַרכשופט שפּאַנט אַריבער איבער די גופן. פאָלק יובלט)

יאָסעלע

זאָל לעבן דער נוקם ונוטר!

(פאָלק ווידערהאַלט)

משיח בן יוסף

פירט זיי אין תפיסה!

(מע פירט אַלע געפאַנגענע אין תפיסה אַריין. פאָלק שפּאַנט נאָך, יאָסעלע שפּאַנט מיט. חנינה כאַפּט יאָסעלען פאַר אַ האַנט, פאַרהאַלט אים)

חנינה

זיי מיט מיר.

יאָסעלע (צעפּלאָמט)

כ׳וויל זען ווי מע זעצט זיי אריין.
כ׳וויל זען ווי מע דערלאַנגט זיי.
איך וויל אַליין פאַרציען די קייט אַרום זיי.
איך וויל האָבן די פולע פרייד פון דערלאַנגען זיי איבערן קאָפּ.
איך וויל זיי אַליין דערלאַנגען!
פאַרהאַלט מיך ניט, ברודערל.

(רייסט זיך אַרויס. פאַרשווינדט אין טויער פון תפיסה. מע הערט פון דאָרט קייטן־געקלאַנג און געיאָמער, גוואַלד־געשרייען פון געשלאָגענע. חנינה, אַ באַוווּנדערער פון דעם אַלעם, נעמט זיך אומוויגן ווי ער וואָלט האַלטן ביים פאַלן. שטאַרקט זיך. אָנטקעגן אים וואַקסט אויס בן יוסף. זייערע אויגן באַגעגענען זיך; אַ ציטער נעמט זיי דורך ביידן; אַלע אַרום ווערן מיטאַמאָל שטיל, ווערן אָנגעשטעקט מיט בן יוספס ציטער און פאַרחידושטקייט)

לילית (רייסט איבער די שטילקייט)

וואָס באַטייט עס?

משיח בן יוסף

ס׳אַראַ אויגן האָט ער. — ווער איז ער?
געראָטן אין יענעם — אין יענעם — —
ער האָט אַ שייכות מיט מיר — איך שפּיר עס —

חנינה

אַ גרויסע שייכות, ברודער מיינער —

לילית

ווער איז ער? נביא, — ווער איז ער?

ארמילוס (צו חנינהו)

וואס פאר א שייכות? — זאג.

חנינה (צו בן יוספן)

א, וואונדערלעכער ברודער מיינער,
געקומענער אין צייט, אין ליכט פון מזל,
צו זיין דער אנהויבער, דער גואל־בכור,
פון מדבר־ווייטעניש האב איך דערהערט
דיין רוף פון ווידעם און פון תפיסה. —
נעם צו מיין ברכה! — —

(שטרעקט אויס צו אים די הענט מיט ברידער־
לעכן ציטער)

משיח בן יוסף (דערשיטערט)

א, לילית, דאס איז ער, — חנינה —

(שטרעקט אויך אויס זיינע הענט צו חנינהו. לילית
האקט אים איבער מיט גרויס באהערשונג)

לילית

וואס טוסטו?

משיח בן יוסף (פליסטערט)

בן דוד — —

לילית

דערמאן מיר ניט דעם עקלהאפטן נאמען. —
פארטרייב אים, הייס אים גיין, אוועקגיין.
זיין פוס זאל מער דא ניט געפינען זיך. —
ניטא קיין צווייטער אחוץ דיר, ביזט איינער —
(צו חנינהו)
אוועק פון דאנען, שלעפער.
(צו ארמילוסן)
א, נביא, הייס אים גיין פון דאנען —

חנינה

אַוועקגיין קאָן ניט דער, וואָס איז געקומען.

ארמילוס (צו בן יוספן)

דער גואל קען אים?

משיח בן יוסף (מיט געבראָכענער שטים, אין שרעק)

ניין, איך קען אים ניט. —

ארמילוס (צו חנינהן)

גיי פון דאַנען.

משיח בן יוסף

איך האָב אים ניט גערופן. — וואָס וויל ער?

(פאַרדעקט דאָס געזיכט מיט די הענט)

אַ ליגנער איז ער. — איך קען אים ניט.

ארמילוס

איך רוף צו מעשים דיך, בן יוסף.

ביזט איינציק און ביזט אייביק, גבור.

דאָס פאָלק וויל זען די קעפּ פון גוג און מגוג —

(הויך, אַז אַלע זאָלן הערן)

דאָס פאָלק איז אומגעדולדיק. —

פאָלק

נקמה פון גוג און מגוג!

משיח בן יוסף (צו ארמילוסן)

פאַרטרייב פון מיינע אויגן אַט דעם שאָטן.

לילית

אַ חסרדעהניק — דאָס אַלעס.

משיח בן יוסף

פארטרייב אים.

ארמילוס (צו חנינהן)

טראָג זיך אָפּ פון דאַנען. —

אַז ניט פאַרפּאַק איך דיך אין תּפיסה.

שטימען

און שנעלער, שנעלער, — חסרדעהניק —

(אַ סך פון פאָלק לאָזן זיך מיט דראָאונג צו חנינהן.

חנינה, שווייגנדיק, אָפּ)

משיח בן יוסף

צי בין איך דען געקומען ציטערן ?

צי בין איך דען געקומען ווייך זיין, וואַקלען זיך ?

ארמילוס

פאַרנעמט, ברידער, די נבואה מיינע. —

ווי אַ טיגער ברומט דער גואל,

ווי אַ לייב קומט בן יוסף

צו פאַרצוקן אַלע שונאים, —

אַלע הערשער.

פאָלק

טויט צו גוג און מגוג !

משיח בן יוסף

יע, טויט. — דורך מיינע אייגענע פינגער

וועט דורכרינען דאָס בלוט פון גוג און מגוג. —

איך בין דער שליח אייערער,

גערעכטער משפּט בין איך. —

איך בין גערעכטער פּסק.

איך בין אליין — די האַק. —

(מיט האסטיקע טריט לאזט ער זיך צו דער תפיסה. פארשווינדט אין אפענעם טויער. אלעמען באַ־פאלט אַ גליווערדיקע שטילקייט. רגעס — און עס דאַכט זיך אַן אייביקייט. מע הערט ווי די שטיל־קייט גיט ערגעץ אַ פאַל און הילכט אָפּ מיט אַ מאָד־נעם הילך. בן יוסף קומט ארויס צוריק. אין זיין האַנט די האַק אַ פאַרבלוטיקטע. ער שטייט פעסט און זיכער. זיין פנים ווי שטאָל אָנגעצויגן. זיינע אויגן שטעכן אַלעמען דורך. ער גיט אַ וואַרף אַן אַ זייט די האַק פון זיך. מאַכט אַ פעסטן טראַט פאָרויס)

משיח בן יוסף

דיין ווילן, פאָלק, האָב איך געטאָן.
און מיין האַנט האָט ניט געציטערט.

אַרמילוס (מיט אויסגעצויגענעם אויסרוף)
די גאולה!

(פאָלק, ווי אויפגעוועקט, גיט זיך מיטאַמאָל אַ וויג. ווי אַ דונער רייסט זיך ארויס פון אַלעמענס הער־צער: „די גאולה! די גאולה!" — „זאָל לעבן משיח בן יוסף!" — מע גיט אַ כאַפּ בן יוספן אויף זיך. מע טראָגט אים הויך, איבער אַלעמענס קעפּ. און־טערן פייער פון פאַקלען און שטורעם־אויסגעשריי־ען, אין שטאַט אריין. אַלע אָפּ. פאַר די אויגן אַנטפּלעקט זיך דאָס פּלאַץ, וואו עס ליגן די קינדער. די קינדער שלאָפן, דבורהלען זעט מען ניט. חנינה באַווייזט זיך. שטייט ביי אַ וואַנט. פייערן פון ווייטן לייכטן אויף און לעשן זיך. ער איז פאַר־כאַפּט ווי אין אַ כשוף. ער שפּאַנט, וואַקלענדיק זיך, צו דער אויפגעפּראַלטער תפיסה, ווי עמעצער וואָלט אים אַהין געשטויסן. ער קוקט אריין אין דער אָפענער תפיסה און וואַגט ניט אריינגיין. גיט מיטאַמאָל אַ שפּאַן אַריבער דער שוועל. פאַר־

שווינדט. שטיל. ער קומט אין עטלעכע רגעס פון תפיסה ארויס צוריק. א קעלט טרייסלט אלע זיינע אברים. זיינע הענט — איבער די אויגן. ער רעדט אפגעהאקט מיט קלאפעדיקע ציין)

חנינה

זיי צאפלען זיך נאך, — די גופן.
די קעפ — ניט.
צו וואס האב איך עס באדארפט גיין זען? —
צי מוזן מיינע אויגן זען י ע ד ן דערהרגעטן? —
צי מוז איך טרויערן איבער יעדן דערהרגעטן?
אפילו איבער רשעים?
צי טאר איך קיין איינעם ניט פארפעלן?
צי וועל איך עס אויך מוזן טון מיט מיינע אייגענע הענט?

(ער שטעלט אן זיינע הענט אנטקעגן די אויפשטייגנדיקע פייערן, צעשפרייט די פינגער, באטראכט יעדן פינגער באזונדער)

צי האב איך עס שוין ניט געטאן?

(באמערקט די האק אויף דער ערד, הויבט זי אויף, קוקט אויף איר, באטראכט זי, גיט זי מיד א ווארף אפ פון זיך צוריק צו דער ערד. דער אלטינקער בלינדער אליהו מיטן זאק אויף דער פלייצע קומט אן. קלאפט מיטן שטעקן)

חנינה

אט בין איך. דא בין איך.

אלטינקער

זון מיינער, אזוי ציטעריק דער קול ביי דיר.

חנינה (דערלאנגט אים זיינע הענט)
שפירסט גארנישט אויף מיינע הענט?

אַלטינקער

וואָס דאַרף איך שפּירן, זון מיינער?

חנינה

פילסט ניט קיין בלוט אויף מיינע הענט?

אַלטינקער (אין שרעק)

בלוט? וואָס פאַר א בלוט?

חנינה

וואָס איך האָב פאַרגאָסן — — —

אַלטינקער

דו — פאַרגאָסן?

חנינה

אַן אַנדערער, צי איך, — אַלץ איינס,
ס'איז סיי ווי סיי איך.

אַלטינקער

ריינע, ציכטיקע הענט ביי דיר. —

חנינה

וואָס טוסטו דאָ?

אַלטינקער

ביזט אין גרויסער סכנה.

חנינה

איך וויים.

אַלטינקער

בן יוסף וועט דיך אומברענגען.
ער זוכט דיך שוין אַרום.

חנינה

איך ווייס. אָבער היט מיך ניט.
כ׳האָב בן יוספן ליב. און יאַסעלען ליב.
און דאָס פאָלק האָב איך ליב.

אַלטינקער

דו קאָנסט אין שטאָט ניט גיין איצט.

חנינה

איך וועל גיין, ווייל ס׳איז מיין גורל.

אַלטינקער

אין עק שטאָט איז דאָ אַ הינטערגעסל,
ניט ווייט פון דבורהלס שטוב, —
און דאָרטן שטייט אַ גרויסער שטיין
מיט לעכער אויסגעגעסענע אין אים. —
אין יענע לעכער שלאָף איך —
קום אויך אהין, מיין זון. —

(גייט אָפּ. חנינה זיצט אויף דער ערד ביי דער וואַנט. דבורהל איז, ווייזט אויס, מיטגעכאַפּט געוואָרן. מע זעט, ווי זי איילט צוריק פון יענער זייט שטאָט טויער, לויפט צו די קינדער, לאָזט זיך אַראָפּ אויף די קני נעבן זיי אין צופרידנקייט, וואָס זי געפינט זיי אַלעמען אויפן אָרט. באַהאַלט דעם קאָפּ צווישן זיי. יאַסעלע אַ פּאַראַטעמטער לויפט אָן, זוכט מיט די אויגן, דערזעט חנינהן)

יאַסעלע

חנינה, ברודערל, איך זוך דיך.

חנינה (זיצנדיק ווי פריער)

וואָס דאַרפסטו מיך?

יאָסעלע

וואָס איז מיט דיר? וואָס טוסטו דאָ?

חנינה (שטעלט זיך אויף)

ביז געווען דאָרט.

(ווייזט מיט דער האַנט צו דער תּפֿיסה)

געקוקט אויף די אָפּגעהאַקטע קעפּ.

יאָסעלע

און באַדויערט?

חנינה

ניין.

יאָסעלע

און געטרויערט?

חנינה

יע.

יאָסעלע

דאָס בלוט פֿון גוג און מגוג איז דען אויך בלוט?

חנינה

פֿאַר דער וועלט — ניט, פֿאַר מיר — יע.

יאָסעלע (ווי ער וואָלט דערפֿילט אַ ביס, נעמט שרייען)

ביזט אַ שונא! אַ שונא!

(לאָזט אים איבער און לויפֿט ווי אַ צעוואונדיק־טער מיט אַ געשריי אין שטאָט אַריין. דבֿורהל כאַפּט זיך אויף, קוקט נאָך דאָס געשריי מיט שרעק. חנינה גייט צו צו איר)

דבורהל (מיט גרויס פרייד)
חנינה!

חנינה
(קוקט אויף איר, שווייגט. לאזט זיך אראָפּ
אויף די קני מיטן קאָפּ צו די שלאָפנדיקע קינדער.
פּיבערדיק)

דבורהל (נויגט זיך איבער איר)
גאָסט ליבער, מענטש טייערער. —

חנינה
אַ דאַנק פאַרן גוטן וואָרט.

דבורהל
וואָס איז מיט איך? — רעדט.

חנינה
שטום אַלע ווערטער.
(גיט זיך אַ שטעל אויף מיט אימפּעט, וויל גיין)

דבורהל
כ'וועל אייך אַריינגעמען אין צאָל פון מיינע
היימלאָזע קינדער.

חנינה
מוטער. — —

דבורהל
גוט צו הערן דאָס וואָרט פון אייך,
אָבער, צי בין איך דען נאָר מוטער?

חנינה
ניין, ניט נאָר מוטער.

דבורהל

איך זיץ און היט די קינדער.
איך היט די נייע לעבנס,
און איצט היט איך אייך —
דאָס גרויסע קינד פון דער וועלט, —
בין איך דאָך ווידער מוטער —

חנינה

מוטער פון דער וועלט.

דבורהל

און מיך ווער היט?
צי מיך היט קיינער? —

חנינה (שווייגט)

דבורהל

צי ווייסט דאָס קינד פון דער וועלט, ווי מיר איז ניט גוט?

חנינה

איך ווייס עס.
פון איצט אָן וועל איך היטן
די ריינע מוטער פון דער וועלט.
לייגט אַרויף אויף מיר די הענט אייערע,
דבורהל. —
הענט פון אַ מוטער,
הענט פון אַ שוועסטער,
הענט פון — — —

(האַקט זיך אָפּ)

דבורהל

דערענדיקט, גאָסט ליבער —

חנינה

הענט פון דבורהל —

דבורהל

אַט זיינען מיינע הענט אויף אייער קאָפּ.

חנינה

הענט ציטעריקע, שעמעוודיקע,
הענט פארוויגנדיקע, לויטערע, —
הענט פון דבורהל. — — —

בילד זיבן

נאַכט. אין וואַכן אַרום. אַ ליידיק געסל אין עק שטאָט. פון ווייטן די שוועל פון דבורהלעס שטיבל. ליידיקע שטרעקעס דערנאָך. נעענטער־צו — אַ הויכער מירמלשטיין, וואָס האָט דעם אויסזען פון אַ פרויען־פיגור. טיילן פון שטיין — אויסגעלעכערט. פון די ליידיקע שטרעקעס הערט מען געזאַנג און נאַכט־פרייד. און טענץ — גאולה־טענץ. פאַקלען טאַנצן אום אין דער לופטן

חנינה לויפט אָן. שלאָגט זיך אָן אין שטיין. ער איז צעפּליקט, צעשויבערט, דאָס פּנים — צעפּייניקט. ער איז, זעט אויס, אַנטלאָפן פון פאַרפאָלגער, קוקט זיך אַרום, צי מע זעט אים ניט. ער פאַרקריכט אין אַ שפּאַלט פון שטיין. גלייך נאָך אים קומט צו איילן דער אַלטינקער אליהו. קוים וואָס ער אָטעמט

אַלטינקער (שאַרט מיט די הענט, דערטאַפּט חנינהן)
מע וועט דיך געפינען דאָ.

חנינה
זאָל מען.

אַלטינקער
באַהאַלט דיך גוט.

חנינה
צוליב מיר פאַרפאָלגן זיי אויך דיך.

אלטינקער

פאר מיר זארג זיך ניט.

(קוקט איבער אים)

ביזט מיד?

חנינה

מיר איז קאלט.

אלטינקער

פרוביר איינשלאפן.

חנינה

איך קאן ניט.

אלטינקער

זיי האבן דיך געשלאגן?

חנינה (שווייגט)

אלטינקער

דו שווייגסט. דו ווילסט מיך ניט מצער זיין.
אבער, כ׳וויל וויסן. זאג מיר.

חנינה (שווייגט)

אלטינקער

איבערן קאפ האבן זיי דיך געשלאגן?
איבער דער באק? איבער די ציין?
איך מוז עס וויסן. זאג מיר.
(פויזע)

ווען אלעם דעם האב איך געווארנט דיך.
אפילו ווען יאסעלען געווארנט.

חנינה

די שנאה יאסעלעס איז ריין ווי ליבשאפט.

אלטינקער

און אויך די שנאה פון בן יוסף?

חנינה

איך נעם עס אן פאר ליב, און — איך ווארט.

אלטינקער

זיי האבן דיך געשלאגן? זאג.

חנינה

יע.

אלטינקער

יעדער קלאפ, וואס דו קריגסט, איז א צייכן,
און אויך יעדעס ווארט וואס דו הערסט;
זאל זיין אויך א צייכן דאס ווארט, וואס א י ך זאג.

חנינה

זאג, — רעד.

אלטינקער

מיינע אויגן זיינען בלינד, אבער — כ'זע:
דאס ליכט פון דער גאולה איז פינצטער געווארן
דורך תאווה פון מאכט.

חנינה (ליגנדיק מיטן פנים צו דער ערד)
איך זע עס אויך. אבער — רעד ווייטער.

אלטינקער

די גאולה געבראכט אין נאמען פון ארימע,
און שוין זיינען ווידער דא זאטע און הונגעריקע,

און שוין זיינען ווידער דאָ חונפים,
און העצער און אויסניצער די גאולה פאַר זיך.
און שוין זיינען ווידער דאָ שטאַרקע און שוואַכע,
מקורבים און פרעמדע, יחסנים און לעצטע.
בן יוסף אַליין איז שוין שכור פון גדולה,
און פאַרגעסט צוליב וואָס ער איז געקומען.
די מאַכט ניט פאַרלירן — זיין איינציקע זאָרג,
און גאווה און רשעות — זיין הייליקע תאווה.

חנינה

איך זע עס. איך ווייס עס.

אַלטינקער

זאָל איך זאָגן נאָך?

חנינה

זאָג.

אַלטינקער

משיח בן יוסף פאַרפייניקט משיח בן דודן.

חנינה (קאַרטשעט זיך צונויף אין פיין)

אַלטינקער

איך קאָן דיר דיין קלאָג ניט פאַרגרינגערן.

חנינה (מיט אויפרעגונג, פאַרצווייפלט)
איך קלאָג ניט. —
איך ליג אין די שפּאַלטן פון שטיין. —
ס'איז גאָר ניט קיין שטיין, זאָגן מענטשן. —
ס'איז אַ מאַמע אַ האַרטע, אַ קאַלטע. — —

אַלטינקער

דער גרויליקער נביא ארמילוס — איר ממזר.

חנינה

און איך — וואָס בין איך ?
דער זעלביקער גרויל.

אלטינקער

אַז מען יאָגט דיך אַרום און מע רופט דיך :
משוגע — —
משוגע און שונא פון פאָלק. —
דיין געזיכט האָט צוגענומען יאָסעלע,
דיין אויבנאָן — בן יוסף,
אָבער דיין גוף וואו אַהינצוטון האָסטו ניט. —

חנינה

אָ, רעד ניט מער.

אלטינקער

נו, גוט, איך שווייג.

(פויזע)

חנינה

מיין גוף ? מיין גוף ? —
מירן אים אַריינפּאַקן אין טאָרבע צו דיר. —
דו הערסט — אין טאָרבע צו דיר. —
(עס הערן זיך קולות און טריט)

אלטינקער

בלייב דאָ, און איך וועל נעמען לויפן —
וועט עולם נעמען נאָכיאָגן נאָך מיר.

(ער לאָזט זיך לויפן. אַן עולם, וואָס מע זעט אים קוים, נעמט נאָכיאָגן דעם אַלטינקן. אָפּ. חנינה שטעלט זיך אויף, שפּאַרט צו דעם קאָפּ צום שטיין)

חנינה

וואָס טוט זיך מיט מיר ?
וואָס ברענען אַזוי מיינע גלידער ?
(פון שטיין דערהערט זיך אַ קול)

קול פון שטיין

גלידער.

חנינה

צי בין איך ניט שכור פון תאווה ווי אלע?

קול פון שטיין

ווי אלע.

חנינה

ווער ענטפערט מיר?

קול פון שטיין

איך.

חנינה

ווער — איך?

קול פון שטיין

גוף וואָס אין שטיין.

חנינה (שפּרינגט אָפּ מיט שרעק)

קול פון שטיין

אַ, נעם ניט אוועק דיינע הענט פון מיר,
אַ, קוש מיך, נעם מיך ארום, אז ניט וועל איך וויינען.
(געוויין)

חנינה (פאַלט צו צוריק צום שטיין)
וואָס טוט זיך דא?

קול פון שטיין

אַ דאַנק פאַר דיין באַריר, אַ דאַנק.
איך האָב דיך ליב. איך בענק נאָך דיר.
דו קומסט פון מדבר —

ליבער דו,
עלנטער דו,
פון אלעמען דערוואַרטער —
פאַרשטויסענער דו. —
צי ווייסטו דעם טעם פון אַ פרוי ?
דעם טעם פון ערד ?
דעם טעם פון טויט ? —
אַלץ, וואָס אויף דער ערד, געבוירט. —
וויל איך אויך געבוירן.
באַפרוכפּערט זיין, טראָגן און אויסטראָגן.
באַפרוכפּער מיך,
איך וויל געבוירן אַ קינד פון דיר, — — —
ליבער דו, —
עלנטער דו. —

חנינה

איך גיי אַרונטער פון זינען, ניט אַנדערש.

(טרעט אָפּ אויף הינטער. לאַנגזאַם, לאַנגזאַם. ווי אַ פאַרכשופטער. שטויסט זיך אָן אָן שוועל פון דבורהלעס שטוב. זעצט זיך אויף אַ טרעפּ, מיטן פּנים צוגעפאַלן. שטיל. דבורהל קומט אַרויס)

דבורהל

ווער זיצט דאָ ?

חנינה

צי האָב איך ניט געהערט אייער קול ?

דבורהל

ווען ?

חנינה

אַט ערשט.

דבורהל (קוקט דערשראָקן און פאַרקלעמט)

איך בין געזעסן אין מיין שטוב און געשוויגן.
צו קיינעם ניט גערעדט.
וואָס באַטייטן אייערע ווערטער ?

חנינה

מיינע פיס האָבן מיך געבראַכט צו אייער שוועל.

דבורהל

מיין טיר איז אָפן פאַר דעם טייערן גאַסט.

חנינה

די איינציקע טיר.

דבורהל (אין שרעק)

איך זיינט צעשלאָגן, צעבלוטיקט.

חנינה

יע.

דבורהל

בן יוסף וויל איך אומברענגען.

חנינה

איך אַנטלויף ניט.

דבורהל

ער האָט אָנגערייצט דאָס פֿאָלק אויף אייך.

חנינה

און אויך יאָסעלען.

(ליאַרעס פון ווייטע טענץ דערטראָגט זיך)

דבורהל

טענץ — אדער חלום?
איך ווייס ניט די גרענעץ פון וואר און פון חלום.
ווייל ווער קאן עס גלויבן, און ווער וועט זיך ריכטן,
אז חנינה זאל ליגן אויף מיין שוועל א צעבלוטיקטער,
און דאס פאלק זאל אים שימפן, — —
ס'איז עפעס א טעות, א טעות.
און שווער צו פארטראגן דעם טעות.

חנינה

שווער, אבער מע דארף אים פארטראגן.

דבורהל

שוין העכער א וואך אז די פרייד פון גאולה האלט אן, —
אבער העכער א וואך שוין, אז אויך די הריגה האלט אן
איבער מגוגס חילות און אנהענגער זיינע,
און אויך די הריגה איז געווארן ביים פאלק
א טאנץ און א לוסטיקער שפיל,
און מע הרגעט אויך פרויען צוזאמען מיט קינדער; —
דאס פאלק נעמט נקמה,
דאס פאלק האט פארוואס צו זיין הארט און נקמהדיק,
אבער וואו איז די גרענעץ?
און עס זיינען פאראן שוין אזוינע, וואס ווילן
די הריגה וואס לענגער פארציען.

חנינה

יע, עס זיינען פאראן שוין אזוינע.

דבורהל

ס'איז עפעס א טעות — —

חנינה

כ'האב גערעדט צום פאלק אויפן מארק ניט לאנג
די זעלבע רייד און שארפערע נאך. —

דבורהל

און וואָס האָט געענטפערט דאָס פאָלק?

חנינה

איך זעט דאָך.

(ווייזט אָן אויף זיין צעוואונדיקט פנים)

דבורהל

ווען דאָס פאָלק וואָלט געוואוסט ווער דער טייערער גאַסט איז —

חנינה

אָ, ניין, ניט צייט נאָך.

דבורהל

ס'איז יע צייט —

חנינה

די שנאה און לוסט נאָך נקמה איז הונגעריק נאָך,
דער הונגער צעוואַקסט זיך ערשט,
און בן יוסף וויל עס. —

דבורהל

צוזאַמען מיט שולדיקע אַזוי פיל אומזיסטע קרבנות, — —
און קינדער אַזוי פיל.
און יאַסעלע — ווי אַנדערש געוואָרן.
געווען דאָ ניט לאַנג.
ער נישטערט, ער זוכט אייך אַרום
מיט האַס און מיט שוים אויף די ליפּן,
די אויגן זיינע ברענען מיט זודיקן פייער,
עס ציטערט די ערד אונטער אים.
אויך מיך געוואָלט שלאָגן. —

חנינה

ער איז קינדיש און תמימותדיק. —

איך בין ניט בייז אויף אים.
איך בין אויף קיינעם ניט בייז.

(שטעלט זיך אויף און וויל גיין)

דבורהל

כ׳וועל אייך ניט לאָזן אַוועקגיין איצט. —

חנינה

איר וועט ליידן צוליב מיר.

דבורהל

כ׳וויל טיילן די ליידן מיט אייך.
איך פאַרבעט אייך אין שטוב צו מיר.

חנינה

אייער שוועל האָב איך איין מאָל אַריבערגעטראָטן,
אַ צווייטן מאָל — טאָר איך ניט.

דבורהל

פאַרוואָס ?

חנינה

ניט געטאָרט אויך דאָס ערשטע מאָל.

דבורהל

איך זע אייך סיי ווי, פון דעמלט אָן,
אַ זיצנדיקן שטענדיק אויף מיין דיל,
כ׳ריר אָן מיט די הענט דעם דיל, און איך גלעט אים,
אַזוי ווי איך וואָלט געגלעט אַ לעבעדיקן גוף.

חנינה

איר זאָלט עס ניט טון מער.

(קאָרטשעט זיך צוזאַמען)

דבורהל

פאַרוואָס?

חנינה

מיין גוף טאָר ניט זיין ג ו ף.
ער טאָר ניט.
ער איז פאַרמשפּט.
אין זיך אַליין פאַרמשפּט.
ער איז אַן איבעריקער.

דבורהל

ער איז אַ וואונדערלעכער.
איר רעדט שלעכטס אויף זיך.
ער איז אַ באַגערטער.

חנינה

ער איז אַ מדבר־גוף.
ער איז אַן עלנט־גוף.
צו אַ קייט געשמידט געווען.
זיין גייסט — ליכטיק.
גייסט פון דער וועלט.
און ער אַליין — איבעריק.

דבורהל

גייסט פון דער וועלט.
אויך גוף — פון דער וועלט,
ליכטיק און געבענטשט.
די וועלט איז פול מיט וואונדער.
אויך גוף — וואונדער.
און גוף פון חנינה —
נאָך וואונדערלעכער.
גייט, פרעגט ביי מיין דיל,
גייט, פרעגט ביי די פענצטער.

(פון ווייטן דערטראָגן זיך געזאַנגען)

איך הערט, די וועלט זינגט
געזאַנגען פון וואונדער.

חנינה

געזאַנגען פון וואונדער, —
און נאָך ניט דער אמתער וואונדער.
פרייידיקע טענץ —
און נאָך ניט די אמתע טענץ.
דבורהל טראָגט ליבשאַפט,
און יאָסעלע —שנאה.
און אַלע, אַלע אויף עפּעס נאָך וואַרטן.
מיט ליפּן צו דער ערד פאַלן אַלע צו,
און אַלע פליסטערן קושנדיק די ערד:
— גאולה.
און אַלע אָנען:
די וועלט איז נאָך אַלץ ע ר ב ג א ו ל ה.
ערב. ערב.
און אַלע קלאָגן, און אַלע פרעגן:
וואָס טוט מען מיטן בלוט, וואָס ווערט פאַרגאָסן? —
און אויב ניט אַלע — קלאָג איך איינער:
וואָס טוט מען מיטן בלוט, וואָס ווערט פאַרגאָסן? —
איינער, אַ בעל חשבון, מוז דאָך פרעגן:
וואָס טוט מען מיטן בלוט, וואָס ווערט פאַרגאָסן? —
איינער, אַ בעל חשבון, מוז דאָך פאַרענטפערן:
וואָס טוט מען מיטן בלוט, וואָס ווערט פאַרגאָסן? —

(פויזע)

דבורהל האָט פריער גערעדט וועגן לעבעדיקן גוף?
און וואָס טוט ער, דער לעבעדיקער גוף?

דבורהל

ער ליגט אויף דער שוועל, אַזוי ווי אויף אַ מזבח.

חנינה

צינדט אַן דעם מזבח.
לייזט אויס דעם גוף.
פאַרברענט אים.

דבורהל

ניט פאַרברענען אים, — נאָר היילִיקן.

חנינה

לייזט אויס מ י ך פון גוף.

דבורהל

ער איז אויסגעלייזט, —
ער איז אויסדערוויילט. — —

(פאָלקס־מאַסן קומען אַן טאַנצנדיקע מיט פאַקלען אין די הענט. צעוואַרפן זיך אין קרייזן, בילדן אויך אַ קרייז אַרום דעם מירמלשטיין, טאַנצן און זינגען שטורעמדיק. יאָסעלע מיט זיי, ער איז אויפגעברויזט און פייערלעך. זיי זינגען און טאַנצן דעם טאַנץ פון כלו חיב)

אַלע (אין שווינדלנדיקן טאַנץ)

טאַנצט, טאַנצט, —
די גאולה,
אונדזער פרייהייט,
אונדזער גדולה. —

טאַנצט, טאַנצט, —
כלו חיב,
כלו, כלו,
כלו חיב.

טאַנצט, טאַנצט, —
מחנות, מחנות,

איבער הייך
און איבער רחבות.

הייסע לייבער
אין געוועטן,
אַלע גאַסן
זיינען בעטן.

נישט אין פּאָרן, —
קופּעס, קופּעס;
אַלע הימלען
זיינען חופּות.
די גאולה,
די גאולה, —
כּלו חיב,
כּלו, כּלו,
כּלו, כּלו,
כּלו חיב.

הפקר, הפקר,
און הפקרות, —
פליקט די בערד
פון אַלטע דורות.

זון אויף טאַטן,
נאַר אויף קלוגן; —
זופּט די פרייד
פון פולע קרוגן.

קעסלפּויקן,
טאַצן, צימבלען,
לעבערט ערד
און לעבערט הימלען.

נעכט אין פלאַקער,
טעג אין שטורעם;

לאכט פון טרויער
און יסורים.

וואס איז איינער ?
גארנישט — איינער.
א סקעלעטל —
הויט און ביינער.

אלע — אלע.
הוליע, הוליע,
כלו חיב —
חיב כלו.

די גאולה,
די גאולה, —
כלו חיב,
כלו, כלו,
כלו, כלו,
כלו חיב.

(דערזעט דבורהלען ווי זי שטייט איינגעטוליעט אין ווינקל פון טיר. גיט זיך א לאז צו איר)

יאסעלע

ווער שטייט אזוי שטיל דארט אין ווינקל
און קוקט נאר,
און טאנצט ניט מיט אונדז ?
(דערקענט)

דבורהל ? — אהערצו, אהערצו.
צי האסטו געזען שוין ווי לילית אליין
טאנצט מיט אונדז אויפן מיטן פון מארק
דעם טאנץ פון הייליקן חיב ? —
וואס איז חיב ?
חיב איז לייב ;
צי האסטו געהאט שוין דאס גליק
צו אויפדעקן דאס לייב ? —

דבורהל

וואס פאר א רייד?

יאָסעלע (מיט כעס)

איך ווייס וואס איך רעד,
הונגער נאך לייב
איז גרעסער פון הונגער נאך ברויט;
ברויט האבן מיר אלע געגעסן,
ווייַן האבן מיר אלע געטרונקען,
אבער לייב האבן מיר נאך ניט געגעסן,
אבער לייב האבן מיר נאך ניט געטרונקען.
די גאנצע גאולה איז געקומען. —
און דו — שטילינקע רייד,
פרומע און גוטינקע ווערטער.
ווער דארף דייַנע שטילינקע רייד?
דייַן שטיין אן דער זייט?
וואס איז חיב? —
חיב איז שמחה;
וואס איז חֲיב? —
חיב איז טאנץ;
טאנץ מיט אונדז!

שטימען

ווער עס טאנצט ניט מיט אונדז — איז א שונא.

יאָסעלע

וואס קוקסטו מיך אן?
דערקענסט מיך ניט? —
אן אנדערער בין איך? —
אן אנדערער — פאר דיר,
נאר פאר זיך — דער זעלביקער, דער אייביקער,
דער ניט געענדערטער.
איך געדענק נאך דייַנע קולות די אמאליקע,

די קולות פון פארשטיקטער תאווה,
ווען איך האָב דיך אַ כאַפּ געטאָן
און צודריקן געוואָלט צו זיך. —
אַמאָל, אין אַלטן טויטן פּראָג.
און איך געדענק גוט
דײַן דעמלטדיקע שרעק פאַר מיר!
די שרעק פון אַ מיוחסדיקער טאָכטער
פאַר מיר — דעם גראָבן וואַסערטרעגער, —
דו — די אײדעלע, אַ גאַנצע רביציןָ,
און איך — די חיה, איך — דער גולם. —
בין ניט געפעלן דיר געווען אַמאָל. —
דו מײנסט — איך האָב פאַרגעסן? —
איך געדענק עס. איך דערמאָן עס דיר, —
צניעות דײַנע!
מײנסט, איך וועל ניט אויפמאָנען? —
איך וועל, איך וועל.
ועסט באַצאָלן פאַר מײַן אײביקער באַליידיקונג,
ביז אין סוף פון דורות וועל איך עס דערמאָנען דיר און
אויפמאָנען.

(צו אַלעמען)

איר מעגט עס הערן אַלע.
איר מעגט איצט וויסן אַלע ווער איך בין. —
גענוג זיך אַנגעוואַלגערט אויף איר בוידעם דעם פאַרשטיקטן,
אונטער שמות שטויביקע, פאַרשימלטע,
אַ פאַרוואָרפענער צום טויט, —
אויפן בוידעם פון מהר"ל. — —
אַוואו איז דער מהר"ל איצט? —
ניטאָ מער דער מהר"ל, ניטאָ. —
די שמות ברענען אויפן פייער!
דער שטויב און שימל — אויפן ווינט,
דער בוידעם — אויפגעריסן; —
די צניעות אָבער לעבט נאָך,
די צניעות אָבער פייניקט נאָך,

און ווארגט און שטיקט די העלדזער ווי אמאל.
איר זעט — אַט שטייט די צניעות. — —
נעמט זי, ברידער, אין טאַנץ אריין,
אין טאַנץ אריין!
אלע, אלע, אלע — אין טאַנץ אריין.

שטימען

אין טאַנץ פון כלו חיב. —

(העגנט גיבן זיך אַ לאָז צו דבורהלען. חנינה שטעלט זיך אויף, פארשטעלט זי מיט זיין גוף. ערשט איצט דערזעט מען אים. אַ געלעכטער פון שפּאַט און אַ פייפעריי באַדעקט אים)

שטימען

דער שונא פון בן יוסף.
זיך איינגעשמועסט, אַז בן יוספס שליחות איז געענדיקט שוין —

יאָסעלע

מיר זוכן אים ארום, און ער — ער ליגט זיך דאַ און חלומט.

חנינה

כ׳וויל רעדן.

יאָסעלע

איך קען דיך ניט. ניט — דיך. ניט — זי.
איך וויל אייך מער ניט קענען.

חנינה

כ׳וויל רעדן.

עולם

ניטאַ אים וואָס צו הערן.
מיר ווייסן שוין די רייד זיינע.

נאָר שטראָף־רייד רעדט ער,
און שנאה צו אונדז אַלעמען.
ער איז אַ פרעמדער צווישן אונדז.

יאָסעלע

ער קאָן ניט הערן אייער יובלדיקע פרייד,
ער קאָן ניט צוזען אייער טאַנץ.
ער וויל נאָר טרויער זען אין אַלעמען,
ער האָט ליב נאָר צער.
נאָר זיצן און נאָר קלאָגן איבער טויטע זאָלן מיר!
און קיין זאַך ניט פאַרגעסן זאָלן מיר.
אַזוי פאַרלאַנגט ער. מאָס פאַרלאַנגט ער, —
אחריות רופט ער עס; אחריות זוכט ער אין אונדז אַלעמען;
און — צאָלט אים אויס פאַר יעדן טראָפּן בלוט,
פאַר יעדן אומגעבראַכטן נאָגל! —
די גאַנצע וועלט זאָל זיצן שבעה. — —
אפילו צו די פיינד פון פאָלק פאַרלאַנגט ער רחמים. —
נו, רעד, דו ווילסט דאָך רעדן.

חנינה (שטייט איצט מיט אַ געזונקענעם קאָפּ און שווייגט)

עולם

אַט וויל ער שוין ניט רעדן.

יאָסעלע

איצט ווילסטו אונדז שוין איינגעמען מיט שווייגן,
מיט צדקות, מיט געדולד, —
מיר האָבן פיינט דיין צדקות.

עולם

פיינט, פיינט.

(ארמילוס קומט אָן, קלאַפּט מיטן שטעקן)

ארמילוס

נאָך אַלץ פאַרנעמט איר זיך מיט דעם משוגענעם? —

עולם

דער נביא איז דא, דער נביא.

ארמילוס (צו חנינהן)

וואס שטייסטו? — טראג זיך אפ.

חנינה

איך אנטלויף ניט פון מיין גורל.

ארמילוס

דערווייל ווארט אויף דיר די תפיסה.
בן יוסף האט אזוי באפעלן.

חנינה

כ'וועל טון דעם ווילן פון איך אלעמען.

ארמילוס

זיי בעסער מודה זיך.

חנינה

אין וואס?

ארמילוס

צי האסטו ניט גערעדט אין מארק פאר אלעמען
נבואה־רייד, אז אויך בן־יוספס גדולה
וועט מוזן איבערגיין? — —

עולם

גערעדט, גערעדט.

חנינה

איז דאס דען שלעכטס גערעדט?

ארמילוס

וואס דען איז דאס?

חנינה

ליבשאַפֿט.

(אַלע שיסן אויס אין אַ געלעכטער)

שטימען

אַ שיינע ליבשאַפֿט.

חנינה

ליבשאַפֿט צו דעם מ ע נ ט ש ן וואָס איז גואל,
מענטש זאָל ניט דערטרינקען זיך אין גואל. —
מענטש איז אייביק, גואל — אויף אַ ווײַלע.

אַרמילוס

מענטש איז אייביק, — .וואָרים איז אויך אייביק.
דאַרף דער גואל בעטן אויך מחילה
פֿאַר אומברענגען אַ וואָרים. —

(אויפֿרייס פֿון געלעכטער — נאָך שטאַרקער)

שטימען

— אַ גואל, וואָס האָט מורא אומברענגען אַ וואָרים, —
אַ שיינער גואל!

— אַ גואל, וואָס באַקלאָגט אַ טויטן וואָרים, —
אַ גוטער גואל!

יאָסעלע (מיט אויסגעשטרעקטע הענט צו חנינהן)

ביי מיר האָט קיינער ניט געבעטן קיין מחילה.
קיינער ניט, קיינער ניט, —
אויך ניט דו. —
צי בין איך ווייניקער נאָך פֿון אַ וואָרים?

(זיין שטים ווערט מיטאַמאָל איבערגעבראָכן, צי־
טעריק און אינטים)

צי זעסטו ניט, אַז דיינע ווערטער פּייניקן מיך? —
וואָס שטייסטו מיט אַ זינקנדיקן קאָפּ?

פארוואס האסטו זיך אפגעשיידט?
ענטפער, ענטפער.

ארמילוס

געגוג דאס טענהן.

יאָסעלע

איך וויל ער זאָל ענטפערן (צו חנינהן)
דו פירסט דאך חשבון אויך אפילו פארן ווארים —
טא גיב אהער דעם חשבון, וויַיז דעם חשבון —
און — באַצאָל —
צאָל אָפּ פאר יאָרן אין די קעלערס, אין די גריבער,
אין די תפיסות —
צאָל אָפּ; —
צאָל אָפּ פאר אלע אומגעבראכטע, אומגעקומענע אין
הונגער, אין מלחמות —
צאָל אָפּ;
צאָל אָפּ פאר וואוילטאָג, וואָס די רייכע, וואָס די גליקלעכע
האָבן אויסגעהוליעט —
צאָל אָפּ;
צאָל אָפּ אויך מיר פאר אלע יאָרן די געפינצטערטע
אויפן בוידעם —
צאָל אָפּ;
צאָל אָפּ אויך זיך אליין פאר גאר דעם עלנט דיינעם אין
דער מדבר —
צאָל אָפּ. — —

שטימען

וואָס פאר א מדבר? וואָס רעדט ער?

ארמילוס

(דערפילנדיק אין יאָסעלעס רייד עפעס א געפאַר.
גראָב צו יאָסעלען)
וואָס פּלאַפּלסטו? — ווער איז ער דען אזוינס —

אַז ער זאָל צאָלן?

(יאָסעלע וויל רעדן עפּעס ווייטער, אַרמילוס לאָזט ניט)

שווייג, געַנוג צו פּלוידערן. —

(צו אַלעמען)

וואָס הערט איר זיך צו אַלע נאַרישקייטן צו?
וואָס הערט איר ניט, וואָס איך וויל זאָגן? —

שטימען

אדרבה, נביא, רעד, זאָג!

אַרמילוס (צו יאָסעלען)

אָוועק פון מיינע אויגן!

יאָסעלע (געפּלעפּט)

וואָס הייסט?

שטימען

מע הייסט דיר שווייגן — שווייג!

(יאָסעלע טרעט אָפּ אַהינטערווײַלעכטס)

אַרמילוס

פאַרנעמט די רייד, וואָס איך וועל רעדן,
און הערט זיך צו צו דער נבואה, וואָס איך זע.

שטימען

מיר הערן, נביא.

אַרמילוס

באַגינען שלאָגט זיך אויס אין מזרח־זייט,
און העלע שטראַלן גייען אונדז אַנטקעגן.
פּיס טאַנצן, הענט קלאַפּן צו,
און נעכט פאַרגייען אין שלאָף.

און אלץ, וואס איז נאך ח ו ב,
וועט ווערן אפגעצאלט,
און יעדערער, וואס האט א חוב, — זאל מאנען,
צי חובות פון גוף, צי חובות פון יארן,
צי חובות פון ליבע;
און אפגעצאלט וועט ווערן ש ו י ן.
באלד, אט דא,
מיט פרייד, מיט תענוג —
אונטער דעם אפענעם הימל. —

שטימען

זאל לעבן דער נביא פון משיח בן יוסף!

ארמילוס

און הערט ווייטער וואס איך זאג.
דער תענוג איז שוין דא. — נעמט אים.
תענוג פון לעבן. אונדז געהערט דאס לעבן.
אונדז אליין נאר.
נעמט, — און גלוסט נאך. — ווילט נאך!
נאר אונדז אליין געהערט דאס לעבן.
מאנט אויף פאר אלע הונגערס,
פאר אלע דארשטן, פאר אלע בענקשאפטן,
פאר אלע איינזאמקייטן און פינצטערנישן,
פאר אלע ניטגעזעטיקטע דערשטיקטע תאוות.
גאולה איז — פרייד,
גאולה איז — געזעטיקטע בענקשאפט,
גאולה איז — געשטילטער הונגער;
דער מאלצייט פון לייב איז אנגעשטאנען, —
די גאולה און טאנץ פון לייב,
פון ארימען, געקריוודעטן און הונגעריקן לייב.

יאָסעלע (האקט איבער)
אזוי ווי מיינע ווערטער.

ארמילוס

שוויג, דו נאַר. און — הערט מיך ווייטער:
אין די טעג פון אונדזער גואל, פון בן יוסף,
ניט איין פאַררעטער וועט זיך ווייזן צווישן אונדז
און לעסטערן דאָס פאָלק,
און שילטן די גאולה, —
און — הערט, הערט —
ווער איז דער פאַררעטער?
אַ פרעמדער איז דער פאַררעטער,
אַ ניטפאַרגינער איז דער פאַררעטער,
אַ העצער און אַ מורד איז דער פאַררעטער,
אזוי ווי אָט דער פאַררעטער!

(ווייזט אָן אויף חניניהו)

עולם

אין תפיסה דעם פאַררעטער!

(הענט גיבן זיך אַ לאָז צו חניניהו. דבורהל פאַר־
שטעלט אים)

דבורהל

ער איז מיין גאַסט.

עולם

וועסט גיין מיט אים אין תפיסה.

דבורהל

איך וועל גיין.

(דבורהל גיט פלינק אַ ציִ אַריין חניניהו אין שטוב
אַריין. פאַרהאַקט די טיר. עולם זעצט אין טיר,
וואַרפט שטיינער, ברעכט שויבן. דבורהל קומט
אַרויס. שטייט פעסט)

וואַרפט אויף מיר די שטיינער.

עולם (האַלט זיך אָפּ)
מירן וואַרפֿן!

דבורהל
שווינט ניט. וואַרפֿט!

עולם
מירן אונטערצינדן דיין שטוב.

דבורהל
מיין שטוב איז אָנגעפּילט מיט היימלאָזע קינדער.

עולם
גיב אים אַרויס!

דבורהל
ער איז מיינער. — ער איז מיין גאַסט.

עולם
וואָס איז ער דיר? א ברודער?

דבורהל
יע.

עולם
ניט אמת. — א זון?

דבורהל
יע.

עולם
ניט אמת. — א חתן?

דבורהל
יע.

עולם

זי לאַכט פון אונדז, דערלאַנגט איר!

(מע פאַרמעסט זיך אויף איר. חנינה קומט ארויס צוריק)

חנינה

איר ווילט מיך אין תפיסה נעמען, — נעמט.

יאָסעלע

דאַס איז ווייניק.
איך וויל זאָלסט רעדן, זאָלסט זיך פאַרענטפערן, —
אַז ניט, וועל איך ארויס מיט עדות זאָגן קעגן דיר.

(צו ארמילוסן)

כ׳וויל זאָגן עדות קעגן אים.
איך האָב עפּעס צו אויסזאָגן אויף אים אַ גרויס פאַרברעכן.

ארמילוס

אַט דאָס איז גוט. רעד.

עולם

רעד.

יאָסעלע

איך האָב אַליין געזען — ער איז געשטאַנען און געטרויערט
אויף דעם טויט פון גוג און מגוג,
ער איז געשטאַנען און באַקלאָגט די אָפּגעהאַקטע קעפּ.

ארמילוס

איר הערט?

(אויסבראָך פון אנטריסטונג)

יאָסעלע

און ווי איך האָב דערזען דאָס,
אַזוי האָט זיך אַ ריס געטאָן דאָס האַרץ אין מיר,

א שנאה האָט זיך אויפגעכאַפּט אין מיר, —
ווייל כ'האָב אים ליב, — איך האָב אים ליב.

קולות

וואָס ליב? — ווען ליב? —

ארמילוס

געַנוג, גענוג. מער דאַרפֿן מיר ניט וויסן,
מער דאַרפֿן מיר ניט.

יאָסעלע (אין גרויס אויפרודערונג. פֿאלגט ניט ארמילוסן)

אבער, איך האָב עפּעס נאָך צו זאָגן.
ווייל משפּטן דאַרף א י ך אים,
צי האָב איך אים אויף דעם באַפרייט פֿון קייטן,
געבראַכט אים צו דער וועלט פֿון מדבר,
כדי צו קלאָגן אויף דעם טויט פֿון הענקער?

עולם

וואָס רעדט ער? וועלכע קייטן? וועלכער מדבר?

יאָסעלע (צו חנינהן)

נו, זאָג אליין, — צי אויף דערויף ביזטו חנינה?
צי אויף דערויף ביזטו דער אמתער משיח,
דער אמתער בן דוד?

עולם (אין שרעק)

דער אמתער בן דוד? דער אמתער חנינה?
בן דוד? משיח בן דוד? — —

יאָסעלע

יע, ער, משיח בן דוד איז ער.

(שרעק און מהומה. ארמילוס קאָן ניט איינשטילן.
עס קומט אָן משיח בן יוסף. א גרויסע באַוואַ־
פֿנטע וואַך נאָך אים)

ארמילוס

זאָל לעבן משיח בן יוסף!

עולם

(ווערט אויף אַ מאָמענט שטום. איבערראַשט פון בן יוספס קומען, גיט פּלוצים אַ שטורעם־אויף)

זאָל לעבן משיח בן יוסף!

(יאַסעלע קאָן ניט קומען צו זיך. זיינע אויגן אויס־געגלאָצטע ווי זיי וואָלטן אַרויסגעקראָכן פון זייע־רע פּלעצער)

ארמילוס (צו בן יוספס וואָד, אַנווייזנדיק אויף חנינהן)

נעמט אים אין תפיסה!

(איידער די וואָך גיט זיך אַ ריר, טויכט אַרויס פון צווישן עולם דער אַלטינקער אליהו. מיט פלינקע טריט שפּרינגט ער צו צו חנינהן, טאַפּנדיק און אַוועקשאַרנדיק אַלעמען מיט די הענט. פאַר־שטעלט מיט זיין גוף חנינהן)

אלטינקער

כ'וועל ניט לאָזן אים אַנרירן. כ'וועל ניט לאָזן!

בן יוסף (קאַלט, פון דער זייט)

וואָס וויל דער אַלטער מאַן?

אלטינקער

דער אַלטער מאַן וויל גאָרנישט, נאָר דערלעבן דאָס קומען פון דעם אמתן משיח.

בן יוסף (מיטן זעלבן טאָן, ווי און אַ זייט)
שטעכט אים אויס די אויגן!

ארמילוס
ער איז בלינד שוין סיי ווי סיי.

בן יוסף
שניידט אים אָפּ די צונג!

(וועכטער ווילן נעמען דעם אלטן, חנינה הויבט
אויף זיין האַנט איבער זיי)

חנינה (מיט כּוח)
ניין!

(אַן אַנגעשטרענגטע רגע. וועכטער קוקן אויף בן
יוספֿן)

בן יוסף (אויך מיט פעסטקייט, אַנטשלאָסנקייט)
יע!

אלטינקער
זיי רואיק, זון מיינער, געדולד, געדולד.

חנינה
(בויגט דעם קאָפּ אַרונטער. אַ טייל פון די וועכ־
טער פירן אַוועק דעם אַלטינקן. אַ צווייטער נעמט
אַרומוויקלען חנינהן מיט קייטן. יאָסעלע פּלאַצט
אויס מיטאַמאָל)

יאָסעלע (מיט געיאָמער)
וואָס טוט זיך דאָ? איך פאַרשטיי ניט.
איך וויל ניט! איך וועל ניט לאָזן!
וועמען שמידט איר אין קייטן?!

בן יוסף (קאַלט, אַנווייזנדיק אויף יאַסעלען)
נעמט אים אויך !

(אַפּ. מע וואַרפט אַרויף אַ קייט אויך אויף יאַ־סעלען. ער ראַנגלט זיך, שליידערט זיך, רעוועט. די וואַך צעטרייבט דעם עולם. יאַסעלע דערזעט מיטאַמאָל די רואיקע האַלטונג פון חנינהן, הערט אויף זיך צו שליידערן, און לאָזט זיך שפּאַנען אַ געשמידטער נאָך חנינהן און נאָך דער וואַך. דבורהל בלייבט אַליין, פאַלט אויף די טרעפּ. זי הויבט זיך אויף און לאָזט זיך לויפן נאָך די אַוועק־געפירטע. ערשט אַ מחנה קינדער פּראַלט אַרויס פון שטוב, יאָגט זי אָן און רינגלט זי אַרום. די קינדער פאַרהאַלטן זי מיט גוואַלד, קלאַמערן זיך איין אין איר מיט געבעט און ציטער, בויגן זי כמעט אַראָפּ צו דער ערד, און פאַרדעקן זי מיט געשרייען: מוטער!)

בילד אַכט

תפיסה. חנינה — משיח בן דוד — ליגט אויף דער מאַרטער־באַנק אַ צוזאַמענגעפאַלענער, אַ געפּייניקטער. צוקאַפּנס אים שטייט דער תליון. משיח בן יוסף קומט אַריין

משיח בן יוסף
געפּועלט ?

תליון
ניין.

משיח בן יוסף
וואָס זאָגט ער ?

תליון
ער שווייגט.

משיח בן יוסף
און די יסורים ?

תליון
ער נעמט צו די יסורים און שווייגט.

משיח בן יוסף
פּייניקן ווייטער.

תליון
איך ווייס שוין אַליין ניט מיט וואָס אים צו פּייניקן, —
שוין אויסגעפּרובירט אַלע מיטלען אויף אים,
און — גאָרנישט. קיין קרעכץ, קיין געבעט.

משיח בן יוסף

דאָס פאָלק קומט אַהער?

תליון

דער טויער איז אָפן פאַר אַלעמען, ווי דו האָסט געהייסן.
ביז היינט אינדערפרי האָט דאָס פאָלק געשטראָמט אַהער,
געחוזקט פון אים.

משיח בן יוסף

און היינט?

תליון

קיין איינער האָט היינט ניט באַוויזן זיך נאָך.

משיח בן יוסף

און וואָס האָסטו געטאָן מיטן אַלטן, דעם בלינדן?

תליון

אים אָפּגעשניטן די צונג און פֿרייגעלאָזט.

משיח בן יוסף

און יענער — דער יאָסעלע?

תליון

ער ליגט אַ צעדמטער אין אונטערשטן קעלער. —
אַ שווער שטיקל אַרבעט געווען אים צו איינצונעמען.
ער מוז זיין פון אייזן געמאַכט, ניט פון פלייש.

משיח בן יוסף

גיי ברענג אים מיר.

(תליון אָפּ. בן יוסף שפּאַנט אַרום, שטעלט זיך צו־
קאַפּנס פון חנינה. קוקט אויף אים לאַנג. זאָגט
ווייך, מיט ציטער)

משיח בן יוסף

שלאָפסט?

חנינה (ענטפערט ניט)

משיח בן יוסף

ענטפער — איך בעט דיך.

(קיין ענטפער)

עפן אויף די אויגן.

(חנינה עפנט ניט. בן יוסף טרעט אָפּ. פויזע. תליון פירט אריין יאָסעלען א צעפליקטן, איינגע־דרייטן אין קייטן. א גרויסע וואָך אהינטער)

משיח בן יוסף (צו די וועכטער און תליון)

איך דאַרף אייך ניט.

(זיי גייען אָפּ. יאָסעלע קוקט מיט אויסגעשטאַר־טע אויגן אויף דעם אומבאַוועגלעכן חנינה. קוים וואָס ער רעדט ארויס)

יאָסעלע

דאָס איז ער?

משיח בן יוסף

יע, ער. — גיי צו און לעסטער אים.

יאָסעלע

ניין.

משיח בן יוסף

ביזט דאָ אין תפיסה צוליב דיין צונג דער נאַרישער.

יאָסעלע

ס'איז גוט וואָס איך בין דאָ.

משיח בן יוסף

פארוואס ?

יאָסעלע

מיט אים אין פּיין.

משיח בן יוסף

דיין צונג פאַרפּירט דיך נאָכאַמאָל, — איך וועל
אויך דיר די צונג ארויסשניידן.

יאָסעלע

מיין צונג פאַרדינט עס. — פאַר די שלעכטע רייד
אַנטקעגן אים.

משיח בן יוסף

דו האָסט דאָך אים גאָר פיינט געהאַט. —

יאָסעלע

מיין ליבשאַפט איז אַ פריערדיקע פון מיין שנאה.
(ער שטעלט זיך צוקאַפּנס פון חנינה. קוקט אויף
אים לאַנג)

משיח בן יוסף

לעסטער אים !

יאָסעלע

(לאָזט זיך אראָפּ צו דער ערד מיטן קאָפּ צו חנינהס
געלעגער)
זיי מיר מוחל, ברודערל.

משיח בן יוסף

(טוט אַ שלעפּ מיט כוח יאָסעלען און אַ שליידער
צו דער טיר)
תם !

יאָסעלע

רשע!

משיח בן יוסף

שטיק גולם דו!

יאָסעלע

(שפּרינגט אויף, זיין גוף פּיבערט. גיט זיך א שליי־
דער מיטן זיין גאַנצן פאַרשמידטן גוף אויף בן
יוספן. געראַנגל. עס לויפן אריין וועכטער און
דער תליון, ראַטעווען ארויס בן יוספן, וואַרפן זיך
ארויף אויף יאָסעלען, שטיקן אים צו דער ערד.
יאָסעלע רעוועט און בלייבט ליגן)

משיח בן יוסף (צו די וועכטער)

איך קאַנט גיין.

(וועכטער און תליון אָפּ)

מיט וועמען מעסטו זיך אין כוחות, גולם דו? —
צי מיינסטו, אפשר, אז איך ווייס ניט ווער דו ביזט?
צי ווייסטו דען ניט, אז איך קאָן דיך נעמען
און ווידער דיך ארויפשלעפּן אויף א בוידעם,
און ווידער דיך פאַרגראָבן אונטער שטויב און פינצטערניש!

יאָסעלע (מיט געשריי)

איך וויל ניט.

חנינה (באַוועגט מיט די ליפּן)

וויין נישט.

משיח בן יוסף

ער רעדט צו דיר. גיי צו און ענטפער אים.

יאָסעלע (הויבט זיך אויף, גייט צו)

שטיי אויף.

דו הייסט ניט וויינען — ווייל איך ניט. איך פאָלג דיך.
טאָ פאָלג אויך מיך — שטיי אויף.
די גרעסטע פּיין איז שטיין און קוקן ווי דו ליגסט,
און הויבסט ניט אויף דעם קאָפּ. די גרעסטע שטראָף
איז זען ווי דו ביזט מאַכטלאָז.

חנינה (קוים מיט די ליפּן)
ניין. ניט מאַכטלאָז.

יאָסעלע
(צו בן יוסף, וועלכער שטייט און קוקט צו מיט גליענדיקע אויגן)

דו פרייסט זיך, האָסט הנאה? —
(צוריק צו חנינה)
ועסט ליגן אַט אַזוי אויף אייביק שוין? —
געליימט געוואָרן?
(מיט געוואַי)
ווילסט ווערן אַ שטיק ליים ווי איך אַמאָל?
ווילסט זיין, ווי איך אַמאָל, אַ גולם?
איך וויל ניט, הערסט — איך וויל ניט.
דו האָסט קיין רעכט ניט אָפּצולאָזן זיך אַזוי.
כ'וועל אויפרייסן די ווענט מיט מיין געשריי,
וועל זיך אַליין פונאַנדעררייסן.
דו מוזט דיין שלאָפקייט גובר זיין. דו מוזט!
איך גיב דיר מיינע אָרעמס, מיינע הענט אוועק. —
אַז ניט — וועל איך זיך אויך, ווי דו, אַנידערלייגן
און שטום ווערן, געליימט ווערן צוריק. —

חנינה
מיין גוף איז אויך ניט מער ווי גוף. פאַרגיב מיר.

יאָסעלע (צו בן יוספן)
נו, פריי זיך איצט. דו דאַרפסט אויך מיך

ניט שלעפן אויף קיין בוידעם מער. איך וועל אליין
אנידערלייגן זיך, און ליגן ווי חנינה. —
אויב אוממאכט — וויל איך טיילן גלייך די אוממאכט. —

(גיט אַ פאַל צו דער ערד, ציט זיך אויס און ליגט
באוועגלאז. בן יוסף רופט אריין די וואַך)

משיח בן יוסף
צוריק אין קעלער נעמט אים.

(וואַך טראַגט ארויס יאַסעלען אויף די הענט. בן
יוסף צו חנינהן מיט דער זעלבער ציטעריקער ווייכ־
קייט ווי פריער)

הויב אויף דעם קאָפּ.

חנינה (באוועגט זיך ניט)

משיח בן יוסף
כ׳וועל דיר העלפן.

(הויבט אים אויף דעם קאָפּ מיט זאַרגעוודיקייט.
זעצט אים האלב אויף, צוזוקנדיק אים צו דער
וואַנט)

חנינה
א דאַנק.

משיח בן יוסף
אזוי איז גוט?

חנינה
יע.

משיח בן יוסף (טראַגט אונטער וואַסער)
נעם אַ ביסל וואַסער.

חנינה (טרינקט)

א דאנק.

משיח בן יוסף

פילסט זיך בעסער?

חנינה

יע.

(קוקט זיך ארום)

אזוינע קולות פריער. —

משיח בן יוסף

איצט איז שטיל.

(פויזע. בן יוסף זעצט זיך צופוסנס. לייגט ארויף זיין האנט מיט צערטלעכקייט אויף חנינהן)

נו, וואס שווייגסטו? —— האסט מיך?

חנינה

ניין. איך האב דיך ליב.

משיח בן יוסף (מיט ציטער)

ליב?

חנינה

אויך דו האסט מיך ליב. —

משיח בן יוסף (קוים ארויסרעדנדיק)

יע.

(פויזע)

אבער דיין גוטסקייט, דיין צדקות האס איך. —
אלע האסן. — ווייל פון צדקות עקלט.

חנינה

כ׳וועל ווארטן ביז דער עקל וועט אריבערגיין.

משיח בן יוסף

גיי אוועק צוריק אין מדבר.
כ׳וועל דיך ארויסלאָזן.
אויב וואַרטן — וואַרט דאָרטן,
ווייל דאָ דאַרף מען דיך ניט האָבן איצט,
דו שטערסט נאָר. מיט דיין אַנוועזנהייט אַליין שטערסטו.

חנינה

מהר״ל האָט אויך אַמאָל אַזוי געטענהט: ,,גיי צוריק. —
דיין צייט איז ניט געקומען נאָך —״
און איך האָב זיך פאַרשעמט, און בין אַוועק.
און איצטער זאָגסטו אויך דאָס זעלבע;
ניין, איך וויל ניט זיין פאַרשעמט מער.
כ׳וועל וואַרטן דאָ.

משיח בן יוסף

צו וואָס וועט עס דערפירן?

חנינה

צו נצחון.

משיח בן יוסף

וועמענס נצחון?

חנינה

ביידנס.

משיח בן יוסף

פראָוועסט שפּאַס?

חנינה

ניין.
צוויי שליחות — צוויי נצחונות.
ווייל יעדער שליח טוט אָפּ זיינס.

משיח בן יוסף

(שפרינגט אויף אויפגערעגט, אנגעצונדן)

בין ניט קיין שליח. און איך טייל זיך ניט מיט קיינעם.

נצחון האט נאר איינער.

חנינה (מיט א שמייכל אויף די ליפן)

האסטו אים?

משיח בן יוסף

יע.

דו שמייכלסט. מאכסט אן אנשטעל פון א שטארקן.

חנינה

איך בין.

משיח בן יוסף

דו צווינגסט מיך איך זאל ברעכן דיין עקשנות.

חנינה

איך האב ניט קיין עקשנות.

משיח בן יוסף

טא זאג זיך אפ פון ווען מיך פארבייטן.

חנינה

פון שליחות זאגט מען זיך ניט אפ.

משיח בן יוסף

און מ י י ן שליחות?

חנינה

זי ענדיקט זיך. דו האסט זי שוין דערפילט.

משיח בן יוסף

מיין פלאץ וועל איך ניט אפטרעטן פאר קיינעם.

חנינה

וועסט מוזן.

משיח בן יוסף

איך וועל ניט אננעמען דעם מוז.

חנינה

דו וועסט.

משיח בן יוסף (ניט באהאלטנדיק זיין פארלארנקייט)

דאס מאכט מיך אומגליקלעך.

חנינה

א גואל דארף ניט גליקלעך זיין.

משיח בן יוסף

און ווער דארף יע?

חנינה

דאס פאלק.

משיח בן יוסף

כ'וויל אויך זיין גליקלעך.

חנינה

דעם גואל קומט עס נים.

משיח בן יוסף

אבער איך וויל.

חנינה

ווילסט צופיל.

דערפאר האסטו פארראטן דיין שליחות.

משיח בן יוסף

אויב א גואל דארף ניט גליקלעך זיין —
דארף זיין דאך גוט דיר וואס איך פייניק דיך, —
פארוואס איז אזוי אויסגעקרימט דיין פנים? —

חנינה

(לאזט אראפ דעם קאפ, פאלט אנידער)

משיח בן יוסף (גאליק)

דו גליקלעכער, — אט עפן איך פאר דיר
דעם גאנצן קוואל פון גליק.

(גיט אים א שלעפ און א שליידער ארונטער צו
דער ערד)

דיין כוס פון פיין איז נאך ניט פול. איך וועל אליין
מיט מיינע הענט דעם כוס דיר אנפילן.

(שלאגט אים מיט די פיס. ווארפט אים צו דער
ערד. טרעט איבער אים. חנינה שווייגט. בן יוסף
הויבט אים אויף צוריק, לייגט אים אוועק אויף זיין
פלאץ. בויגט זיך איבער אים און בעט זיך)

משיח בן דוד,
מיין ברודער. א, ראטעווע מיך. —

(שטיל)

וואס פייניקסטו מיך? —
משיח בן דוד,
מיין ברודער, — דערלייז מיך.

(שטיל)

גואל חנינה, מיין ברודער,
א, זע, וואס איז געווארן פון מיר!
א שלאפלאזער פחדן — אן אכזר איז געווארן פון מיר.
דער שרעק פון פארגיין איז אריין אין מיין בלוט. — —
פאר פעלקער, פאר מאסן פרייהייט געבראכט,
פאר הונגעריקע זאטקייט געבראכט,

הוליאנקעם און טענץ. —
פאַר אַלע תענוגים אַ היתר געגעבן; —
און פאַר זיך — סם. סם. —
משיח בן דוד, —
גואל, —
חנינה —
וואָס שווייגסטו?
דו הערסט וואָס איך רעד? —
איך רעד ניט. איך מ אַ ן.
ווייל איך בין גערעכט.
איך! —
אפילו ווען איך בין דער פייניקער,
און דו — דער קרבן.
ווייל דו ביזט זיך צדיק, אומשולד, —
געליטערטער, ריינער משיח בן דוד. —
דו ליגסט זיך און טרינקסט די יסורים מיט היילקער שכרות;
און איך ווער צעריסן פון אומרו, פון שרעק און פון צווייפל.
בין גבור, — מיין גוף איז ווי אייזן, און זע —
ווי מיאוס צעגעסן ער ווערט פון די קליינינקע ווערים,
וואָס דו האָסט אויף מיר אַזוי אָנגעשיקט הינטער ארום.
כ'וועל קעמפן מיט דיר,
דיך רודפן, פייניקן, לעסטערן —
אייביק.

(רופט)

תליון!

(תליון קומט אריין)

פייניק אים ווייטער!

(סיקומט אריין דבורהל)

קומסט לעסטערן?

תליון

זי קומט אַלע טאָג אַהער ווייניען
און טרויערן גאָר.

דבורהל

איך וויל זוין ניט מער. — איך בין שטיל ווי מיין ליבשאַפֿט.

משיח בן יוסף

ליבשאַפֿט צו וועמען?

דבורהל

געווים — צום פֿאַרפֿייניקטן, ניט צו דעם פֿייניקער.

משיח בן יוסף (צום תליון)

גיב איר אויך ס'פֿאַרגעניגן פֿאַרפֿייניקט צו זיין.

דבורהל

כ'האָב געעפֿנט מיט פֿרייד מיינע טירן פֿאַר אים.
וועל איך טראָגן מיט פֿרייד אויך מיין חלק פֿון פּיין.

משיח בן יוסף (צום תליון)

טאָ עפֿן פֿאַר איר איצט די אמתע טיר.

חנינה (שפּרינגט אויף)

אַ, ניין. ניין!

דבורהל

יע.

משיח בן יוסף (צום תליון)

וואָס לאַנגזאַמסטו? — נעם זי. אויך אים.
זיי ווילן מסתמא צוזאַמען דאָך זיין.
פֿאַראייניק זיי. —

(תליון גיט אַ נעם דבורהל, שטויסט זי אריין אין
דער טיר פֿון דער מאַרטער־קאַמער דערביי. גיט
אַ שלעפּ אויך חנינהן אריין אַהין. אַפּ מיט זיי,
פֿאַרמאַכנדיק די טיר אַהינטער זיך. מע הערט

גלייך פון דאָרט געראַנגל, געפּייף פון קנוט, געשריי, פאַרשטיקט געיאָמער. עס ווערט שטיל מיטאַמאָל. בן יוסף שטייט פאַרגליווערט מיטן פּנים צו דער וואַנט. עס קומט אַריין לילית אַ צעשראָקענע, אַן אויפגעבראַכטע)

לילית

ביזט ווידער דאָ?
יאָגסט ווידער נאָך דיין שאָטן זיך אַרום? —
זאָלסט וויסן זיין — דאָס צוטרויען צו דיר
הויבט אָן פאַרגיין. דאָס פאָלק איז אומרואיק.
דאָס פאָלק האָט אָנגעפילט די גאַסן און עס וואַרט.

משיח בן יוסף

אויף וועמען?

לילית

אויף דיר.
פון אַלע לענדער זיינען אָנגעקומען שלוחים.
און אַלע שטייען מיט אַ פּחד־שטילקייט אויף די גאַסן.

(בן יוסף רירט זיך ניט)

אויף וועמען וואַרטסטו?

משיח בן יוסף

אויף באַשייד.

(ציינגט אין טיר, וואו חנינה איז פאַרשוואונדן)

פון דאָרטן דאַרף עס קומען דער באַשייד.

(עס קומט אַריין אַרמילוס. לילית מיט פרייד און געבעט צו אים)

לילית

אַ, נביא, נביא, נעם אים צו פון דאַנען.

ארמילוס

(שטייט אין טיר און שווייגט)

לילית

וואָס שווייגסטו, נביא?

ארמילוס (שווייגט קאַלט)

לילית (אין פאַרצווייפלונג)

נ—ב—יא!

(כאַפּט אָרום בן יוסף)

וואָס מיינט זיין שווייגן?

משיח בן יוסף

רעד.

ארמילוס (קאַלט)

דאָס פאָלק אויף אַלע גאַסן שטייט און שווייגט.

משיח בן יוסף

וואָס מיינט עס?

ארמילוס

דאָס פאָלק אויף אַלע גאַסן שטייט און שווייגט.

משיח בן יוסף

איך הייס דיר רעדן.

ארמילוס

דאָס פאָלק אויף אַלע גאַסן שטייט און שווייגט.

(פון דרויסן דערטראָגט זיך אַן אויסברוך פון הילכיקע געשרייען)

דאָס פאָלק האָט אויפגעשריגן. —

און ענטפער אויף די קרעכצן פון בן דוד. — —

דאָס פאָלק שרייט אויף — שרייט אויך דער נביא אויף.

משיח בן יוסף

וואס טוט זיך דא ? !

ארמילוס

דאס פאלק איז אומגליקלעך פון רשעות און פון חיב.
דאס פאלק איז מיד פון דיר. דארפסט אומקומען.

לילית

בן יוסף, ער האט ווידער דיך פארראטן !
(צו ארמילוסן)
א שטיין ביזטו ! געבוירן פון א שטיין .
א, קאלטער גזלן דו, —
זאג, וויפל האסטו פנימער אויף זיך ?

ארמילוס

אזויפיל וויפל עס דארף דער ק ל ו ג ע ר ה י י נ ט.

לילית

ווער רעדט ארוים פון דיר ?

ארמילוס

די נויטווענדיגקייט.

לילית

ווער זיצט אין דיר ?

ארמילוס

די א ו מ פ א ר מ י י ד ל ע כ ק י י ט.

לילית

א ליגנער זיצט אין דיר. א גנב. —
(צו בן יוספן)
א, נעם ניט אן די אומפארמיידלעכקייט !
וואס שווייגסטו ? — גיסט זיך אונטער ?

משיח בן יוסף

כ׳וויל הערן, נביא, נאכאמאל דיין ווארט. —

ארמילוס

דער טאג פון ליבשאפט איז געקומען.
דער טאג פון זכאי איז געקומען. —
בן דוד גואל צדק איז געקומען. —

(אפ)

לילית

מיך עקלט פון דער שפיל.
פון אלעמען, און אויך פון דיר.
שוין בעסער, — איידער איינבויגן דעם קאפ, —
צעקלאפן אים אן ערשטן שטיין.

(אפ מיט אימפעט)

משיח בן יוסף (שרייט)

אהערצו, תליון, שנעלער!

(תליון א דערשראקענער צעפראלט די טיר)

נעם די האק. —
און קום מיט מיר. — —
כ׳וועל אומברענגען די וועלט.

(כאפט אים פאר דער האנט און ציט אים מיט קראפט)

תליון

איך וויל נים גיין מיט דיר.

משיח בן יוסף

אויך דו?

תליון

איך וויל נים זיין קיין תליון מער.

משיח בן יוסף

איך וועל דיך צווינגען. —
קום, זאָג איך. —

(אַפּ, מיטציִענדיק דעם תליון. עס שלעפּן זיך אריין פון מאַרטער־קאַמער חנינה און דבורהל. ביידע צעפּיי־ניקטע, צעשמיסענע. די קליידער אויף זיי — צעריסן. דבורהל האַלט זיך פעסטער אויף די פיס. זי האַלט אונטער חנינהן, לייגט איר אַוועק אויף דעם פריערדיקן אָרט. אליין לאָזט זי זיך ארונטער מיט די קני צו דער ערד, דעם קאָפּ אָנשפּאַרנדיק צו חנינהס געלעגער. דערשפּירט מיטאַמאָל אין דער שטילקייט, אַז עפּעס איז דאָ פאַרגעקומען. הויבט זיך אויף, קוקט זיך ארום)

חנינה (ווי אין פארגעסנקייט)

עמעצער איז דאָ ?

דבורהל

איך בין דאָ, חנינה.

חנינה

איך שפּיר אַ נייע שטילקייט דאָ.

דבורהל

דער תליון — ניט געוואָרן. אַפּן אַלע טירן.

חנינה

צי הער איך דבורהלס קול ? — וואָס טוט איצט דבורהל ?

דבורהל

איך הער די נייע שטילקייט.

(קניט אין שוואַכקייט צו חנינהס געלעגער)

חנינה

איך וואָלט וועלן ארונטער פון געלעגער,

כדי דבורהל זאָל זיך לייגן רוען. —
אָבער כ'קאָן ניט רירן זיך.

דבורהל

איך וועל זיך לייגן אויף דער ערד און רוען.

(לייגט זיך מיטן פּנים צום דיל)

אָט רו איך.

חנינה

די רשעות פון די תּפיסה־בויער
האָט ניט פאַרגונען די מאַרטער־באַנק
אַ ביסל ברייטער מאַכן.
זאָל דבורהל האָבן כּוח
פאַר אַ ל ע יסורים.

דבורהל

איך האָב.

חנינה

אויך כּוח אויף דער ערד אַליין צו ליגן.

דבורהל

אַליין. — אָבער נ ע ב ן חנינהן. —
כ'האָב כּוח אויך דערויף.

חנינה

איז דבורהל צעוואונדיקט?

דבורהל

יע. אָבער כ'פיל זיי ניט — די וואונדן.

(פּויזע)

חנינה

אויפן נאַקעטן לייב — דעם תּליונס בייטש.

אבער מערער ווי בייטש — ליכט:
ליכט האָט געשטראַמט פון דבורהלס ליב.

דבורהל

מיין ליב האָט געוואַרט אויף דעם.

חנינה

אויף דעם תּליונס בייטש?

דבורהל

אויף חנינהס אויגן.

חנינה

ליכטיק, ווי ליב, איז אויך די נייע שטילקייט.

דבורהל (שטעלט זיך אויף)

איך ליג ניט מער. כ׳בין אויפגעשטאַנען.

חנינה

דבורהל איז ניט מיד?

דבורהל

ניין.

חנינה

איך הער אין דבורהלס קול געוויין.
אין געשריי פון בלוט — אַזוי פיל שמייכל,
אין געוויין — אַזוי פיל פרייד.

דבורהל

פרייד און שמייכל אויף די ליפּן פון אַ קינד.
וועמענס קינד? — דער וועלטס.

חנינה

און דבורהלס.

דבורהל איז די וועלט.
טראָג דאָס קינד אין דיינע אָרעמס, וועלט,
דבורהל וועט עס וויגן, וויגן. —
ווער איז דער, וואָס האָט עס אַלץ אַנטפּלעקט? —

דבורהל

דער תּליון.

חנינה (הויבט אויף דעם קאָפּ ווי אין שרעק)

ווער?

דבורהל (רואיק)

דער תּליון.

חנינה

ניטאָ קיין שפּור פון שרעק אין דבורהלס האַרץ?

דבורהל

קיין שפּור.

חנינה

און דאָס, וואָס דאַרף ערשט נאָך געשען און קומען,
צי נעמט עס דבורהל אויף א י נ ג אַ נ צ ן?

דבורהל

אינגאַנצן.

חנינה

היינט, צי מאָרגן — קומען וועט די ברכה,
מיינע ליפּן וועלן בענטשן,
שטילע פריידן וועט דורכנעמען דאָס האַרץ פון אַלעמען,
און אויך אַזוי דער שמייכל, — שטילער שמייכל.
פענצטער, טירן וועלן זיך צעעפענען,
ליד פון רו וועט זיך צעטראָגן איבער גאָר דער ערד. —
ווער האָט אויפגעוועקט דאָס ליד פון רו? —

דבורהל

דער תליון.

חנינה

האָט דבורהל אויפגענומען ס'ליד פון רו א י נ ג א נ צ ן ?

דבורהל

אינגאַנצן.

חנינה

וואָס באַדאַרף איך ? גאָרנישט, גאָרנישט.
דבורהל וואָס באַדאַרף ? אויך גאָרנישט, גאָרנישט.
דבורהל איז אַ מוטער. —
דבורהל וועט אַ מוטער בלייבן,
ליפּן פון אַן עופהלע וועט זי טוליען צו דער ברוסט.
אַלע שנאהם — אויסגעטראָגן,
אַלע קאַמפן — אויסגעקעמפט.
וועלט וויל שטילקייט.
שטילקייט קומט. —
ווער זאָגט אַז, אַז די שטילקייט קומט ?

דבורהל

דער תליון.

חנינה

נעמט דבורהל אויף די שטילקייט אין איר הארץ א י נ ג א נ צ ן ?

דבורהל

אינגאַנצן.

(נויגט זיך איבער איִם, רירט זיך צו מיט אירע ליפּן אַן זיינע)

חנינה (ניט רירנדיק זיך)

אַ דאַנק.

(פּויזע)

די אמתע גאולה קומט — די ריינע שטילקייט.
די טירן זיינען אפן, —
דבורהל,
גייט ארוים אין גאס און ברענגט
פאר אלעמען די ריינע שטילקייט. —

(פויזע)

מיד נויגט צום שלאף.
קאלט איז מיר.

בילד ניין

ביים טויער פון תפיסה. פאָלק שטייט אין וואַרטנ־דיקן שווייגן. קעפּ אַרונטער. די גאַנצע סצענע שפּילט זיך אָפּ אויפן פאָן פון קאַפּגעזונקענעם פאַר־שעמטן שווייגן. פון שטאָט־טויער רייסט זיך אַדורך דער תליון

תליון (התפּעלותדיק)
מע האָט אים געכאַפּט. מע פירט אים.

פאָלק (אין זיין שווייגעניש רעאַגירט ניט)

תליון (נאָך העכער, אויפגערודערטער)
בן יוספן געכאַפּט.
און לילית האָט זיך אַרונטערגעוואָרפן פון מויער.

פאָלק (שווייגט)

תליון
און איך — — בין שולדיק.
(קיינער קוקט זיך ניט אום אויף אים)
איך בין שולדיק. משפּט מיך.
איך וויל אויך זיין זכאי.
(טוט אַ שליידער די האַק אָן דער ערד)
ענטפערט אַ וואָרט ווער. ענטפערט. — — —
איך וויל אויך ניט זיין חיב מער.
(מיט געוויין כמעט)
שטראָפט מיך.
(ווערט אַליין דורכגענומען מיט דער שטילקייט.
בלייבט שטיין אַ פאַרענדערטער מיט אַ פאַרפרוי־

רענער צונג. פון תפיסה קומט ארויס דבורהל מיט א פארשלייערטן געזיכט. גייט און וואקלט זיך. שטארקט זיך צו איינהאלטן דאס וואקלעניש. אלע שטעלן אן אויף איר די אויגן אין באגערונג נאך א ווארט. זי גייט לאנגזאם צום שטאט־טויער, ניט ווארפנדיק קיין מינדסטן בליק אויף קיינעם. אז זי עפנט ניט דאס מויל — גיט זיך דאס שווייגעניש פון פאלק א ריס פון זיך אליין אין פיין און גע־בראכענעם געוולד)

פאלק

אבער — ער לעבט ?

דבורהל

(גייט איר גאנג. גרייכנדיק דעם טויער, שטעלט זי זיך אפ מיטאמאל)

ער איז איינגעשלאפן.

פאלק (אטעמט אפ אין פרייד)

זאלן מיר גיין אים וועקן ?

דבורהל

ער וועט אויפשטיין אליין.

פאלק

און דו ווארטסט ניט ביז וואנען ער וועט אויפשטיין ?

דבורהל

ער האט מיר געהייסן גיין צו מיינע קינדער.

(אפ)

(פאלק שטייט אין נייעם שווייגן פארכאפט. עס דערטראגט זיך אן אומעטיק שפילן פון א קאפע־ליע. א נגון, וואס דערמאנט אן א שטילער פאר־

שעמטער חתונה. נגון ווערט נעענטער. אן אומ־
באוופנטע מחנה פירט בן יוספן. די קאפעליע
פארויס. אין פארויס פון דער קאפעליע ארמילוס.
קיינע אויסגעשרייען — ניט פון די, וואס באגלייטן
אים, און ניט פון די, וואס שטייען דא פון פריער.
דאס שפּילן פון דער קאפעליע מאכט אן איינדרוק
פון עפעס אבלדיקס, נעילהדיקס, געמישט מיט עפעס
יומטובדיקס. זיי שטעלן זיך אפּ. פאלק מאכט
שטומערייט א וועג פאר זיי. קאפעליע הערט אויף
שפּילן)

ארמילוס (מיט געבראכענעם קול)
דאס פאלק איז פארשעמט אין צער און חרטה,
אין נייעם באוואוסטזיין פון שטילקייט, —
(צו בן יוספן)
איז וואס וועסטו איצט זאגן, רשע?

משיח בן יוסף (שווייגט)

ארמילוס
די גאולה ביז היינט — קיין גאולה ניט. —
ערשט היינט איז געקומען דער טאג פון זכאי. —
איז וואס וועסטו איצט זאגן, רשע?

משיח בן יוסף (שווייגט)

ארמילוס
אזוי האב איך געזען דורך נבואה היינט:
וואס מיינט דאס שווייגן פון פאלק? —
דאס שווייגן פון פאלק מיינט — אורטייל.
וואס מיינט אורטייל פון פאלק? —
אורטייל פון פאלק מיינט: טויט
פאר דעם איינציקן לעצטן חיב,
אויב ער וועט וועלן מעכב זיין דעם כלו זכאי.

משיח בן יוסף

און שוין ביזטו געוואָרן דער נביא פון זכאי?

ארמילוס

נאָך ניט. כל זמן ד ו ביזט נאָך דאָ,
קאָן זכאי ניט קומען. — —

משיח בן יוסף

פאַררעטער!

ארמילוס

דער סדר פון פאַסירונגען איז ניט צעריסן —
און וועט קיינמאָל ניט ווערן צעריסן.
און דער, ווער עס קאָן ניט דעם סדר באַוואונדערן,
און בויגט ניט דעם קאָפּ איין — איז וויי צו אים!
און איצט — זע:
דאָס הארץ פון אַלעמען גייט אָפּ אין שטילקייט.
אין ווייטיק געוואָרט אויף דער איצטיקער רגע,
אויף ליבשאַפט צווישן מענטשן פון גאָר דער וועלט,
אויף אמתן שלום, — אויף רו,
אויף אויסגעלייזט ווערן פון סתירות,
פון ווילן צו רשעות. —
געוואַרט און דערוואַרט זיך. —
און אַט ווערט די אויסלייזונג ווידער פאַרהאַלטן
דורך דיר. — ווילסט ניט מסכים זיין.

משיח בן יוסף

אוודאי, איך בין ניט מסכים.

ארמילוס

און ווילסט ניט אָפּטרעטן דיין פּלאַץ.

משיח בן יוסף

אוודאי, איך וויל ניט אָפּטרעטן.

ארמילוס

און גאווה און שנאה שפּארז פון דיר,
ווי סאַמיקע פּייערן.

משיח בן יוסף

מיין שנאה וועט וואַקסן נאָך מער.

ארמילוס

און וואָס וועסטו טון, אויב מיר לאָזן דיך אָפּ?

משיח בן יוסף

ביי דער ערשטער געלעגנהייט אומברענגען דיך.

ארמילוס

און דערנאָך?

משיח בן יוסף (שטרעקט אויס די האַנט צו דער תפיסה)

אים.

פאָלק (גיט זיך אַ ריס אין אומגעדולד)

רשע!

משיח בן יוסף

איך בין.

ארמילוס

איצט זעסטו אַליין, אַז דו מוזסט געטויט ווערן,
טאַ נעם און טויט זיך אַליין;
די האַק ליגט אַט דאָ נעבן דיר,
נעם זי, און טו דיר דיין רעכט. —

משיח בן יוסף

צו וואָס זאָל מיין האַנט זיך מטריח זיין?
די האַק איז גאַנץ וואַגיק, גאַנץ שווער. —
כ'וויל האָבן די הנאה צו ווערן באַדינט.

ארמילוס

צו וואָס זאָלסט אונדז צווינגען צו מאָרד ?.

משיח בן יוסף

כ'האָב אייך פיינט.
כ'וויל נעמען נקמה פון אייך,
אַז איך האָב פאַרגאָסן בלוט —
פאַרגיסט איר אויך ! —
פאַרוואָס זאָל איך צונעמען די מצווה
פון דעם, וואָס וועט זוכה זיין ? —

(אין דעם מאָמענט באַווייזט זיך אויף דער שוועל פון תפיסה חנינה. בן יוסף דערזעט אים דער ערש־טער, רעדט מיטן זעלבן חוזק טאָן)

אָט איז ער ! — אָט דער, וואָס וועט זוכה זיין. —

ארמילוס (אין שרעק פון אומדערוואַרטונג)

משיח בן דוד !

פאָלק (גיט זיך אַ ריס פון אָרט)

זאָל לעבן משיח בן דוד !

חנינה

(מיט אַ צייכן פון האַנט רייסט ער איבער דעם אויסגעשריי. סיווערט ווידער שטיל. מיט פעסטע טריט גייט ער צו צו בן יוספן. זיי קוקן איינער אויף דעם אַנדערן)

משיח בן יוסף

וואָס קוקסטו ? — נעם די האַק און טויט דעם לעצטן חיב.
דעם אָ פ ה אַ ל ט ע ר פון ד י י ן גאולה.

חנינה

(לייגט אַרויף ברידערלעך זיין האַנט אויף בן יוספס אַקסלען)

משיח בן יוסף (ביטער)
רחמנות? ליבשאַפט?
איך דאַרף זי ניט דיין ליבשאַפט. —
אפילו דיין מחילה דאַרף איך ניט.
איך האָס דיך.
איך בין מיט דיר קיין שותף ניט.
טרעט אָפּ — וואָרן כ'הויב די האַנט אויף דיר!

(פאַרמעסט זיך מיט דער האַנט. ארמילוס און פאָלק
גיבן זיך אַ לאָז צו אים. פאַרהאַלטן זיין האַנט.
חנינה מאַכט אַ צייכן מע זאָל אָפּגיין פון אים)

משיח בן יוסף (סאַרקאַסטיש)
אַ דאַנק דיר פאַר דיין גוטסקייט.
וואָס שווייגסטו? הייס מיך פירן. —
און — קום, און טו מיין רעכט מיר. —
איך וואַרט. דו הערסט? — איך וואַרט.

(שפּאַנט אליין אַוועק אין תפיסה אַריין. וואַך נאָך
אים. לאַנגע שטילקייט. משיח בן דוד שווייגט
נאָך טיפער און פאַרטאַיעטער פון אַלעמען)

ארמילוס (רייסט איבער דאָס שווייגן)
דאָס פאָלק וויל וויסן וואָס באַטייט
דיין שווייגן, גואל צדק?

חנינה (שווייגט)

ארמילוס
דאָס פאָלק גייט אויס נאָך דיינס אַ וואָרט—

(פון צווישן פאָלק דערהערט זיך געוויין)

חנינה (פליסטערט)
ניט וויינען.

ארמילוס

דאָס פֿאָלק איז גליקלעך דיך צו זען, —
און אומגליקלעך, וואָס יענער רשע לעבט נאָך. —
בן יוסף מוז געטייט ווערן.

חנינה

מוז?

ארמילוס

אויב ניט, וועסטו געטייט ווערן פֿון אים.

חנינה

אוןביידע זאָלן לעבן — קאָן ניט זיין?

ארמילוס

דאָס וויל ער ניט. ער וויל דיך טויטן,
ווייל ער איז אומרו — קאָן די רו ניט קומען.
און כל זמן ער וועט לעבן — וועט פֿארצווייפֿלונג
און שרעק פֿאר טויט און מאָרד ניט אָפּטאָן זיך פֿון אונדזער הארץ.
די אויגן זיינע וועלן דורכשניידן די ווענט פֿון תּפֿיסה,
די ווערטער זיינע וועלן דורכקריכן ווי סם.
ווייל גדולה וויל ער, מאַכט, אויף אַלע מאָל.
ער וויל מיט גוואַלד די מאַכט פֿאר זיך. עס אַרט אים ניט,
וואָס אַלע פֿון דער גאַנצער וועלט געקומען זיינען
צו הערן רייד געלייטערטע, געשטילטע, —
און ס'אַרט אים ניט וואָס זיין עקשנותדיקע שנאה
פֿאַרהאַלט די אמתע גאולה. —
ער מוז געטייט ווערן.

(הויבט אויף די האַק פֿון דער ערד און שטרעקט
זי אויס צו חנינה)

חנינה (שוידערט אויף)

איך?

ארמילוס

דו, גואל צדק.

חנינה

ניין.

ארמילוס

יע, גואל צדק.

תליון (שפרינגט אונטער)

איך —

חנינה

וואָס איז דער חילוק?

(שטויסט אָפּ פון זיך דעם תליון. דעקט זיך איבער סיפּנים מיט די הענט. ארמילוס האַלט די האַק אין האַנט)

ארמילוס

אזוי באַפעלט די אומפּארמײדלעכקייט:
אין אַנהויב איז געווען די האַק;
און ווי עס איז געווען ביים אַנהויב,
אזוי מוז אויך ביים סוף זיין.
און ווער עס וויל זיך אויסדרייען און אַפּווייכן, —
וועט אַפּווייכן פון אמתדיקן גורל.
די הענט דיינע — זיי וועלן בלייבן ריין, —
נאָר אויסגעלייזט די וועלט וועט קיינמאָל שוין ניט ווערן,
דו הערסט דאָך, וואָס דער רשע זאָגט, —
ער וועט זיין האָס צו דיר ניט אויפגעבן,
פאַר קיינע רשעות זיך ניט אָפּשטעלן,
און בלוט וועט ווייטער, ווייטער גיסן זיך. —
איז וואָס וועט דערמלט זיין מיט דיינע ריינע הענט?
און ווי וועלן זיי ריין זיין? ווי?

אויב בלוט וועט ווייטער, ווייטער גיסן זיך —
קלייב אוים: גאולה — אדער ריינע הענט.

חנינה (דעקט אָפּ זיין געזיכט, קוקט לאַנג אויף ארמילוסן)
אזוי פיל ענדערונגען אין דיין פּנים, אין דיין קול,
און אויך אין דיינע ווערטער. —

ארמילוס
איך טראַג אויף זיך די אַלע ענדערונגען
געדולדיק, שטיל, ווי דו — דיין איינזאַמקייט,
און אויך, — ווי דו, — מיין ליבשאַפט טראַג איך.

חנינה (פאַרדעקט צוריק סיגעזיכט)

ארמילוס
ניט וואונדער זיך אויף מיינע רייד, אָ, גואל,
איך טראַג אין זיך אַ חלק ליבשאַפט.
און אפשר מער נאָך ווי אַ חלק.
די ווייסע ליבשאַפט, די אַנתכליתדיקע. —
אויף מיר טוט קיינער דאָך ניט ווארטן,
צו מיר טוט קיינער ניט קיין תפילה,
און קיינער האָט ניט ליב מיך, כאָטש איך פיר
דעם סדר פון געשעענישן. — און דערפאַר
קאָן איך אין ריינקייט ליב האָבן איעדערן,
און אַלצדינג טון וואָס נאָר די ליבשאַפט פאַדערט.
מיין קול — דאָס קול פון אַלעמען.
דאָס קול פון כ ל ל.
און אויך מיין פּנים — אַלעמענס.
דעם כללס.
דעריבער זאָג איך: לאַנגזאַם ניט.
מיין הארץ — דאָס הארץ פון אַלעמען —
דאָס הארץ פון כלל —
דערברענט אין לעצטער האָפענונג.
ניטאָ שוין קיין מלחמות מער,

קיין אָרימע — קיין רייכע מער,
קיין פעלקער און קיין גרענעצן,
נאָר וועלט. — נאָר מענטש —
און — — — — — — —
אָט — — —
נאָר איין זאַך פעלט — די לעצטע טאַט,
וואָס זאָל באַשטעטיקן און זאָגן: יע.
און דאָס ביזטו.
דער יע — ב י ז ט ו. — — —
ביזט דאָ. —
און דאַך —
אָט שטייסטו אַלץ נאָך ווי אַ פרעמדער.
אַ מחיצה איז נאָך אַלץ דאָ צווישן דיר און אונדז.
די מחיצה איז — בן יוסף.
צעריים, צעהאַק זי די מחיצה, — טרעט אַריין
אין דיין דערוואַרטן קיניגרייך פון זכאי.

(שטרעקט ווידער אויס די האַק צו איִם. חנינה
דעקט ניט אָפ סיפּנים)

צי ווילסטו, — אפשר, עמעצער פון פאָלק
זאָל גיין דעם משפט אויספירן ?

(פּויזע)

נו, גוט, אַז דיר איז שווער —
וועט עמעצער אַן אַנדערער עס טון. —

(פּויזע)

נו, גוט, וועל איך עס טון. —
(נעמט די האַק און לאָזט זיך גיין צו דער תפיסה)

חנינה (פאַרהאַלט איִם)
אויב טון — דאַרף איך אַליין.

אַרמילוס
טאָ לאַנגזאַם ניט.
אַ, זע —

מיר אַלע האָבן נעכטן דיך געפּייניקט,
און היינט איז יעדער גרייט צו האַלדזן דיך,
צו פילן דיך ווי גוף פון אונדזער גוף,
צו טראָגן אויף די אַקסלען דיך,
צו האָבן דיך אין אונדזערע הייזער,
און שלאָפן ליגן דיך אין אונדזערע בעטן;
זאָלסט זיצן ביי דער סעודה אויבן אָן,
ביי דער סעודה ביי דער הייליקער פון דער גאולה,
און בענטשן אונדז, — דיין בונד מיט וועלט
אויף אייביק־אייביקייט פאַרשניידן. —

חנינה (פאַרצווייפלט)
דורך בלוט?

(פּויזע)

פאַרוואָס איז יאָסעלע ניטאָ?

(בלאָנדזשעט מיט די אויגן, זוכט)

אוואו איז יאָסעלע?

תליון (געבראָכן)
ער ליגט אין תפיסה אַ דערהרגעטער.
בן יוסף האָט געהייסן.

חנינה
געהייסן — געהייסן. אַלץ האָט ער געהייסן.

(פון די בערגלעך אַרונטער שפּאַנט דער בלינדער אַלטינקער, קלאַפּט מיט זיין שטעקן. עולם מאַכט אַ וועג פאַר אים, אַנדערע העלפן אים צוצוקומען צו חנינהן)

חנינה (מיט ציטעריק־אויסגעשטרעקטע הענט)
אַ, אַלטער שומר מיינער.

אַלטינקער

דערטאַפּט מיט די הענט חנינהן, צערטלט איר,
אָבער רעדן קאָן ער ניט. שטום)

חנינה

אַ, גוטער שומר מײַנער. זאָג עפּעס. —
איך דאַרף דײַן וואָרט אַט איצט. דײַן עצה. —
וואָס שווײַגסטו? — —

אַלטינקער

(ווײַזט מיט די הענט אויף זײַן אויסגעשניטן צונג)

חנינה

אַרויסגעשניטן טאַקע?!

אַלטינקער (שאָקלט מיטן קאָפּ אויף יע)

פֿאָלק (געוויין)

פֿאַרגיב, פֿאַרגיב, פֿאַרגיב אונדז:
מיר אַלע זײַנען שולדיק.

חנינה

אַ, זאָג, צי מוז איך מײַן גורל זײַן — בלוט?

אַלטינקער (שאָקלט מיטן קאָפּ אויף יע)

חנינה

צי ווייסטו וועגן וואָס איך פֿרעג?

אַלטינקער (שאָקלט מיטן קאָפּ אויף יע)

חנינה

די האַק?

אַלטינקער (שאָקלט מיטן קאָפּ אויף יע)

חנינה

(בויגט זיך איין, הויבט אויף די האַק. אַפּ מיט דער האַק אין תפיסה. אַלטינקער פּאַרקריכט ער־ געץ, פאַרשווינדט. פאַלק וואַרט אין שפּאַנונג. אַלע פאַלן מיט די פּנימער צו דער ערד. קאַלט און רואיק, מיט די אויגן געווענדט צו דער תפיסה, שטייט אַרמילוס. רגעס — און עס דאַכט זיך אַן אייביקייט. חנינה קומט אַרויס צוריק. שטייט ביים טויער אַ פּאָר רגעס. זיין פּנים איז דורכ־ גענומען מיט געצוואונגענער אָנטשלאָסנקייט. ער מאַכט אַ פּאָר טריט פאַרויס צום עולם, שטעלט זיך אָפּ)

חנינה

דיין ווילן, פאַלק, האָב איך געטאָן.

אַרמילוס (אין אויסרוף)

די גאולה שלמה!

פאָלק (שפּרינגט אויף)

זאָל לעבן משיח בן דוד!

בענטש אונדז!

חנינה

דאָס טו איך.

איך בענטש אייך.

איך הויב מיינע הענט איבער אייערע קעפּ, —

איך שפּרייט מיינע הענט — מיינע הענט —

מיינע — הענט — — — —

(זיין קול איז מאָדנע. פון אָנהויב — שטאַרק, מיטאַמאָל נעמט ער זיך ברעכן, איבערגיין אין כליפּ. די הענט נעמען אַראָפּנידערן, ווי זינקענ־ דיקע פליגל. אַלע דערפילן עפּעס שרעקלעכס, נאָר פאַרשטייען ניט וואָס. אַרמילוס, אָבער, דערשפּירט)

ארמילוס (האַסטיק)

קלעזמער, אַ פריילעכס!

(קלעזמער ווילן אָנהויבן שפּילן, חנינה פאַרהאַלט)

חנינה (פלאַטערנדיק מיט די אויפגעהויבענע הענט)

ברידער, — פאַלק —

וואָס זעט איר אויף מיינע הענט?

וואָס פאַר אַ טראָפּן טריפן פון מיינע הענט?

וואָס זעט איר אויף מיינע בענטשנדיקע הענט?

וואָס זעט איר? וואָס זעט איר? —

פאַרוואָס זאָגט איר ניט, אַז איר זעט בלוט אויף מיינע הענט?—

(זיין קול גייט איבער אין אַ יאָמער, אַ שוידער באַ־
פאַלט אַלעמען)

ארמילוס

אַ געוויין פון גרויס שמחה, ברידער.

שמחה פון גאולה. —

זינגט, ברידער,

פרייט זיך מיט דער פרייד פון גואל צדק. —

וואָס שווייגט איר, קלעזמער? שפּילט!

פּויקט! צימבלט!

שטאַרק — שטאַרקער!

פּויקט אַריבער דאָס געוויין.

פּויקט אַריבער, פּויקט אַריבער!

(כאַפּט אַרויס די פּויק און נעמט אליין פּויקן. דאָס געפּויקעריי באַווירקט אַלעמען. די גאַנצע קאַפּע־ליע הויבט אָן שפּילן, פאַרהילכט אינגאַנצן דאָס אויפרייסנדיקע געוויין פון גואל. עולם איז אויפ־געכאַפּט עקסטאַז, רינגלט אַרום חנינהן, שלינגט אים איין. חנינה רייסט זיך דורך, רייסט זיך אַהינ־טערוויילעכטס, דערווייטערט זיך צו די שפּאַלטן פון מויער־וואַנט, וואָס נעבן דער תפיסה. הענט ציען זיך צו אים, נאָר ער לאָזט זיך ניט אָננעמען פון זיי. ארמילוס רייסט זיך אַריין צווישן, פּויקט

שטאַרק, טאַנצט אַליין אַ שווינדלדיקס, און אַלע ווערן אַריינגעכאַפּט אין טאַנץ מיט אים. מע זעט, אַז ער שטרענגט אָן אַלע זיינע כּוחות אויף אָפּצו־ציִען די אויפמערקזאַמקייט פון חנינהן, ניט צו דערלאָזן, אַז דאָס געוויין זיינס זאָל פאַרניכטן די פרייד פון פאָלק. ער שטופּט מיט זיך און מיט דער פויק חנינהן צום טויער פון שטאָט, ער שטופּט אים מיט גוואַלט, מיט כּוח. — דאָס פאָלק נאָך אים אין טאַנץ)

ארמילוס

כּלו זכאי.
כּלו זכאי.
זכאי,
זכאי, —
זאָל לעבן די אמתע גאולה!

(אַלע אַפּ אין שטאָט. מע הערט דאָס ווייטע פויקן און קאַפּעליע. פון דער טיף פון תּפיסה הערט מען אַ גערעוועריי, יאַסעלעס קול. — יאַסעלע באַווייזט זיך אויף דער שוועל פון תּפיסה. ער רייסט פון זיך די שטריק, וואָס בינדן אים. ער זעט אויס ווי פון קבר אַרויס. ער רעוועט אַזוי, ווי אין שלאָף. ער גיט אַ פאַל אויף דער דרויסנדיקער זייט שוועל, ליגט אַ רגע און הויבט אויף דעם קאָפּ, עפנט די אויגן און קוקט געענדערט — שטיל און רואיק. אַ שמייכל צעגיסט זיך איבער אים, אַ פרייער אָטעם)

יאָסעלע

(זיין גאַנצער גוף אויסגעצויגן אויף דער ערד, נאָר דער קאָפּ אויפגעהויבן)
חנינה. — ברודערל. —
וואו ביזטו?
קאַפּעליעס שפּילן.
פרייקייט.
זיי. —

זכאי

בילד צען

תפיסה. די טיר, וואָס פירט צו דער צווייטער מאַר־
טער־קאַמער, איז פאַרהאַקט פון דער אינעווייניק־
סטער זייט. די טיר, וואָס פירט צו דער טויער־
וועלבונג, איז אָפן. מע הערט פון דרויסן קאַפּע־
ליעס שפּילן נאָכאַנאַנד. נעבן דער צוגעהאַקטער
טיר פון מאַרטער־קאַמער מיטן פּנים צוגעפאַלן, ווי
צוגעקלעפּט, שטייט דבורהל. דער תּליון, אויסגע־
צויגן אויף דער שוועל פון דער אָפענער טיר, ווי אַ
היטנדיקער הונט, ליגט און קעמפט מיטן שלאָף.
פון דרויסן, אַחוץ קאַפּעליע־שפּילער, הערט מען
געזאַנג און פרייד־אויסגעשרייען פון פאַרבייגמאַר־
שירנדיקן פאָלק. פאַר זון־פאַרגאַנג

תליון

א גאַנץ מעת־לעת שוין, אַז איך מאַד ניט צו קיין אויג:
דאָס ביטערע געוויין פון גואל לאָזט ניט שלאָפן.
און מער נאָך לאָזט ניט שלאָפן די קאַפּעליע:
א פריילעכס שפּילט זי די קאַפּעליע —
דאָס ביטערע געוויין פון גואל צו פאַרהילכן,
די וועלט זאָל זיך, חלילה, ניט דערוויסן,
אַז דער גואל האָט אליין אין תּפיסה זיך פאַרשלאָסן. —
שפּיל, קאַפּעליע, שפּיל.
פון אַלע פעלקער זיינען אָנגעקומען שלוחים
צו זיצן אויף דער גרויסער סעודה, און צו קוקן
אין געזיכט אריין פון גואל.
די גרויסע סעודה וועט זיך באַלד שוין אָנהויבן.

שפּיל, קאַפּעליע, שפּיל. —
די אויסגעלייזטע טאַנצן, און דער גואל יאָמערט.
(צו דבורהלען)

וואָס שווייגסטו? זאָג אַ וואָרט.
(פּויזע)

און וואו איז יאַסעלע אַהינגעקומען. האָ?
אַ גבורה פון אַ מענטשן. — טויט געלעגן, דאַכט זיך, —
אין שטריק געפּענטעט. ערשט — אַ פרייד אַזאַ —
איך טו אַ קוק אין קעלער־גרוב — ניטאָ אים. —
אַ פרייד אַזאַ. אַ פרייד אַזאַ. — וואָס שווייגסטו? —
(פּויזע)

און מיר געפעלט ניט אַט די שפּיל אינגאַנצן. — הערסט?
איך האָב ניט וואָס צו טון דאָ מער.
אַן אַלטער הונט, אַן אויסגעשפּילטער תליון. —
און מיך בין איך, און שלאָפן וויל איך. — —

(ער הויבט זיך אויף, גייט־צו צו דער פאַרהאַקטער
טיר, לייגט צו זיין אויער, הערט זיך איין)

ס'געוויין זיינס האַלט נאָך אָן. יע, יע. —
נאָר שטילער שוין, פאַרשטיקטער, קוים צו הערן. —
כ'האָב מורא פאַר דעם אַלעם.
(זעצט זיך צוריק, און זיינע ציין קלאַפּן)

נו, זאָג אַ וואָרט, וואָס שווייגסטו?
דו ווילסט מיט מיר ניט רעדן. — ביזט גערעכט.
דיין פייניקער געווען. — פונדעסטוועגן, פאַרגיב
אַן אַלטן הונט, אַן אויסגעשפּילטן תליון. —
די גאַנצע וועלט איז פול דאָך מיט מחילה היינט. —
פאַרגיב, — און זאָג שוין, אָגב, אויס
וואָס ביזטו אים?
(פּויזע)

אַ ווייב?
(נעמט פּלוצים שטיקן זיך אין לאַכן)

א ווייב. — — —
דו קומסט מיט אים פון מדבר?
ביזט דארטן אויך געווען זיין ווייב?
(פויזע)

איך האב דאך דיר אנטפלעקט זיין נאקעטקייט,
און צוגעלייגט דיין ליב צו זיינעם,
און בלוט האט זיך געגאסן פון אייך ביידן,
און איינעמס בלוט אריינגעגאסן אין דעם צווייטנס. —
איך האב אייך ביידן דאך פאראייניקט. —
דו גיסט מיר גאר קיין דאנק אפילו ניט. —
(פויזע)

ווערסט אפשר נאך א קינד פון אים געבוירן. — —
פאר דעם דארפסטו אוודאי דאנקען מיר,
און אויך די וועלט דארף דאנקען מיר דערפאר. —
א יורש פון הנינהן ווערסטו טראגן אין דיין בויך,
א יורש פון משיח בן דוד. —
און ס'וואלט געקאנט דאך זיין — א יורש פונם תליון. —
נו, זעסט. כ'האב אויך א טייל אין דער גאולה. —

(פויזע. דבורהל קערט זיך אפ מיטאמאל פון דער טיר, גייט ארויס שווייגנדיק. תליון ציט זיך אויס אויף דער שוועל)

כ'האב מורא פאר דעם אלעם.
(ארמילוס קומט אריין)

ארמילוס
ס'געווין זיינס האלט נאך אן?

תליון
א ביסל שטילער שוין.

ארמילוס (לייגט צו זיין אויער צו דער טיר)
ער לאזט נאך אלץ ניט צו צו זיך?

תליון

ניין.

ארמילום

פון פאָלק איז קיינער ניט געווען דאָ? קיינער ווייסט ניט?

תליון

כ'האָב אויסגעפאָלגט, וואָס דו האָסט מיר פאַרזאָגט, —
ניט צוגעלאָזט אַהערצו קיינעם— אויסער זי — די דבורהל.
אַ גאַנצע נאַכט און אויך דעם גאַנצן טאָג
איז זי, ווי אַ פאַרשטיינערטע, דאָ אָפּגעשטאַנען ביי דער טיר,
און ניט דערוואָרט זיך, אַז זיין טיר זאָל זיך אַן עפן טון.
נאָר, זאָג מיר, — איך פאַרשטיי ניט וואָס באַטייט עס:
די אויסגעלייזטע טאַנצן — און דער גואל יאָמערט. —

ארמילום

דאָס גליק פון פאָלק טאָר ניט פאַרטונקלט ווערן
אפילו ניט פון גואלס טרויער;
און קיינער טאָר אפילו ניט דערוויסן זיך
פון אַט דעם טרויער זיינעם, אויסער די
וואָס ווייסן שוין. אַט דאָ אין תפיסה־צעל
זאָל אויסגעיאָמערט ווערן גאָר זיין צער,
און דאָ פאַרבלייבן.

תליון

מקנא בין איך דיר. ביזט שטענדיק וויכטיק.
ביזט שטענדיק אויפן פּלאַץ. —

ארמילום

כ'האָב אַלע וועגן אויסגעטראָטן פאַר בן דודס פיס.
און וויפל ער האָט ניט געליטן, איז דאָס אַלץ
לטובה פון דער וועלט. און אַלץ, וואָס איז געשען,
איז צוגרייטונג געווען פאַר אַט דעם טאָג.

תליון

און אַלע קעפּ, וואָס איך האָב אָפּגעהאַקט. — —

ארמילוס

איך זיי, איך זיי, און ביי דער סעודה
וועט איך פֿאַר דיר אַ פּלאַץ זיין גרייט.
די טישן אונטער פֿרייען הימל שטייען שוין און וואַרטן.
פֿון גאָר דער וועלט די שלוחים זיינען שוין געקומען
צו זיצן ביי דער סעודה ביי דער הייליקער.
וואָס וויגסטו זיך? ביזט מיד?

תליון

כ׳וויל שלאָפֿן.

ארמילוס

נו, גיי, און שלאָף.
האָסט אפשר יאָסעלען געזען ערגעץ?
ארומגעזוכט אים אומעטום, און — גאָרנישט.
ניטאָ אים און ניטאָ.
נו, גיי.

(תליון אָפּ)

ארמילוס

(לייגט צו ווידער זיין אויער צו דער טיר. שפּרינגט
אָפּ מיט פֿרייד)

מע הערט ניט זיין געוויין מער.

(שרייט אין אָפֿענעם טויער אריין)

קאַפּעליע, — שאַ! אין פֿעלד אריין גייט אַלע
צו שפּילן ביי דער סעודה.

(קאַפּעליע ווערט שטיל. ארמילוס צו זיך מיט נאָך
גרעסערער פֿרייד)

בן דוד וויינט ניט מער. —

(ער רעדט אין טיר אריין)

חנינה, גואל צדק, — עפֿן, קום ארויס.

איך ווייס, דו האָסט פֿאַרשלאָסן זיך אַהינטער שלאָס
צו אָפּווייגען פֿאַר אַלע מאָל ס'געוויין פֿון עלנט,
געוויין פֿון מדבר־בענקעניש — געוויין פֿון עבר. —
נאָר באַלד וועסטו אַרויסקומען צוריק,
און זאָגן מיט אַ שמייכל: רו און פֿרידן,
דער עבר איז אויף אַלע מאָל פֿאַרגעסן. —
און איך וועל מער ניט האָבן וואָס צו טון.
אַנידערפֿאַלן וועל איך צו די פֿיס דיר,
און נאָכדעם ערגעץ צו אַ שטיין אין מיטן פֿעלד
זיך צושאַרן, און גליקלעך רואיק שטאַרבן.

(קלאַפּט פֿאַמעלעך אין טיר און רופֿט)

חנינה. בן דוד. גואל צדק. עפֿן.
משיח בן דוד, עפֿן.

(קיין ענטפֿער)

דו האָסט קיין רעכט ניט מער זיך אָפּצוזונדערן.
דו האָסט ניט מער קיין רעכט אויף איינזאַמקייט.
און אויף געוויין אָוודאי האָסטו ניט קיין רעכט.
דאָס פֿאָלק איז גליקלעך — מוזטו אויך זיין גליקלעך.
דו מ ו ז ט! דו האָסט ניט מער קיין רעכט אויף טרויער.
איך רוף דיך, — קום אַרויס פֿון תּפֿיסה.

(קלאַפּט אין טיר)

און אויב עס קלאַגט אין דיר געוויסן,
און אויב דו קלאָגסט אויף בלוט פֿאַרגאָסנס, —
נו, זאָג איך דיר:
ס'געוויסן איז ניט דיינער מער, —
נאָר אַלעמענס. —
דו האָסט ק י י ן ר ע כ ט נ י ט
צו וועלן זיין גערעכטער מער ווי אַלע.
קום אַרויס!

(פֿאָלק יומטובדיק אָנגעטאָן קומט אָן. פֿילט אָן
דעם קאַמער)

פאָלק

אוואו איז ער? אוואו איז ער?
צי דען איז ער נאָך ניט געקומען?
צי האָבן מיר אליין מיט אונדזערע אויגן
אים נעכטן ניט געזען ביים טויער דאָ
מיט הענט מיט אויפגעהויבענע צו בענטשן?
צי האָט ער ניט אליין געטויט בן יוספן?
צי האָבן מיר אליין אים ניט געטראָגן אויף די הענט,
און פון די הענט אים מיטאַמאָל פארלוירן? —
פארשוואונדן איז ער ערגעץ מיטאַמאָל. —
צי וועט ער ביי דער סעודה גאָר ניט זיין מיט אונדז?

ארמילוס

ער וועט.

פאָלק

פארוואָס באהאַלט ער אויס פון אונדז זיין פנים?
די שטאָט איז פול מיט שלוחים פון דער וועלט.
עס קומען נאָך און נאָך פון אַלע עקן,
און אַלע גאַרן אים צו זען.

ארמילוס

איר וועט אים אַלע זען.

פאָלק

געזוכט אין אַלע הייזער, אַלע הויפן,
און אַלע פעלדער, וועלדער דורכגעגנישטערט.
אויף אַלע וועגן זיצן קלעזמער און זיי שפּילן.
מע טאַנצט אין קאַרעהאָדן, און ס'איז פריילעך. —
די טישן זיינען גרייט שוין פאַר דער סעודה. —
נאָר אים האָט קיינער ניט געזען מער.
עס ציטערט אונדז דאָס האַרץ פאַר עפּעס. —

ארמילוס

זייט רואיק, ברידער.

פֿאָלק

אזוינע מוראדיקע קלאַנגען טראָגן זיך ארום,
ער פּראַוועט גאָר אבלות, זאָגט מען.
ער זיצט ערגעץ אין עלנטקייט און וויינט גאָר. —
פון דאַנען פון דער תּפיסה, זאָגט מען,
א יאָמער הערט זיך. —

ארמילוס

דאָס זיינען פֿאַלשע קלאַנגען, ברידער,
און גלויבט ניט מער אין זיי.
האַלט אַז די פרייד, האַלט אַן דעם יומטוב.

פֿאָלק

געבענטשט זאָל זיין דער נביא, וואָס ער שטאַרקט אונדז
צו אָנהאַלטן דעם יומטוב און די פרייד.

ארמילוס

צי זעט איר יע, צי זעט איר ניט זיין פּנים,
נאָר איין זאַך ווייסט איר דאָך אויף זיכער:
משיח איז געקומען.

פֿאָלק

אוודאי, יע — געקומען.

ארמילוס

איז ניט קיין חילוק שוין אין פּנים, ברידער. —
טאָ גייט און זייט זיך משמח. — קומט.
איך גיי מיט אייך.

(אָפּ. פֿאָלק אין פרייד נאָך אים. פּויזע. עס קומט אריין יאָסעלע. זיין פּנים — בלייך, אָבער שאַרף. ליכטיק. ער טאַפּט ארום די ווענט, וויל עפענען די טיר די פאַרשלאָסענע און זי עפנט זיך ניט)

יאָסעלע

ביזט דאָ. איך שפּיר דיך.
איך הער דיין אָטעם דורך די ווענט.
האָסט זיך אַליין פאַרהאַקט אַהינטער שלאָס.
איך ווייס עס. און איך האָב אויף דעם געריכט זיך.
ווי נאָר איך בין צו זיך געקומען,
און אויפגעשטעלט זיך אויף די פיס,
און בלוט דערזען אויף אַלע שוועלן —
און נאָכדעם דורכגעשפּאַנט די גאַסן פון דער שטאָט,
און אָנגעשעפּט זיך מיט דער גרויסער פרייד,
און דיך אין ערגעץ ניט געפונען, —
אַזוי האָב איך פאַרשטאַנען, אַלץ פאַרשטאַנען.
אָ, ברודער, קום אַרויס. איך רוף דיך. —

(פּויזע)

בין אויסגעווען די גאַנצע וועלט
אין אָט דעם טאָג דעם היינטיקן.
די גאַנצע וועלט האָט זיך פאַר מיר געעפנט, —
דאָס האַרץ פון יעדן מענטש. — איך זאָג דיר:
ס'איז ווערט געווען דיין קומען, —
ס'איז ווערט געווען די תפיסה און די קייטן,
און אַלע שטרויכלונגען און אַלע זינד. —
די וועלט איז גליקלעך היינט, חנינה. —
און אויך מיין האַרץ איז פול מיט גליק און ליבע
צו אַלעמען, צו אַלץ וואָס אויף דער ערד. —
אָ, קום אַרויס.

(דבורהל קומט אַריין. יאָסעלע אויסער זיך פון פרייד)

אָ, דבורהלע!

דבורהל

גוט, וואָס דו ביזט דאָ.

יאָסעלע

ביזט ניט אין כעס, דבורהלע, אויף מיר?

דבורהל

ניטאַ קיין כעס מער, ניטאַ קיין שנאה.
און ניט נאָר היינט, אויך נעכטן איז מיין האַרץ
ניט בייז געווען אויף דיר. —

יאָסעלע

אַ דאַנק דיר, דבורהלע. —
איך ווייס — דיין האַרץ איז פול מיט ליבשאַפט,
נאָר ניט צו מיר. צו אים. — פונדעסטוועגן —
אַ שטראָם פון גוטסקייט נעמט מיך דורך. —

דבורהל (פאַלט צו מיטן שטערן צו דער טיר)

יאָסעלע

דו ווילסט אים רופן ?

דבורהל

די ליפּן מיינע ציטערן. — — איך קאָן ניט רופן.
אַ גאַנץ מעת־לעת בין איך אַזוי געשטאַנען —
דעם שטערן אָנגעשפּאַרט אָן קאַלטן אייזן,
געהערט דעם טיפן יאָמער זיינעם. —
און ווי איך האָב געגאַרט דער יאָמער זאָל זיך ענדיקן,
אַזוי האָב איך געגאַרט נאָך מער
דער יאָמער זאָל זיך ציען, ציען ; —
אַזוי פאַרכשופט האָט מיך זיין געוויין, — —
גאולה־פרייד, — ווי גראָב זי וואָלט געווען,
ווען ניט זיין גרוים געוויין, זיין טרויער ;
איצט טאַנצן קינדער אין די גאַסן,
און גרויסע טאַנצן אויך ווי קינדער ; —
דעם נס פון דער גאולה טראָגן קינדער, — —
און, אָט, — און עס וועט זיין, — און עס וועט קומען
דאָס נייע קינד פון דער גאולה — — — —

(קלאַפּט שטיל אין טיר)

יאָסעלע

חנינה, עפן, — דבורהל רופט דיך.
און איך — איך פריי מיך, ווייל זי האָט דיך ליב. —
און איצט דערציייל איך דיר, אַז איך
האָב דבורהלען שוין ליב פון לאַנג, פון לאַנג,
און זאָג זיך אָפּ פון איר דערפאַר ווייל צוליב דיר.
(צו דבורהלען)
דו הערסט מיך, דבורהלע?

דבורהל

איך הער. איך ווייס עס.
פאַרגיב מיר, יאָסעלע, פאַרגיב.

יאָסעלע

פונדעסטוועגן, טייל אויס אַ ביסל ליבשאַפט אויך פאַר מיר. —
וואָס זאָגסטו, דבורהלע?
צי אפשר קומט מיר גאָר אינגאַנצן ניט? —

דבורהל

און וועמען קומט?
און מיר דען קומט?
איך דאַרף פאַר זיך דאָך גאָרניט, גאָרניט.
איך דאַרף ניט און איך האָב ניט.
און דאָס, וואָס איך פאַרמאָג, איז — בענקשאַפט,
און פאַרגעפיל פון עפּעס גרויסעס;
אויף מיינע דינע פּלייצעס — אַלעמענס מזלות,
אפילו זיין — חנינהס — מזל.

יאָסעלע

און מיינער — ניט?

דבורהל

אויך דיינער. אַלעמענס.
אַ יונגע מוטער בין איך. אָבער היינט —

א מוטער פון דער וועלט.
א מוטער זיינע —

יאָסעלע

און מיינע — ניט?

דבורהל

אויך דיינע, יאָסעלע. —
און מיינע פלייצעס ברעכן זיך,
און מיינע אויגן שניידן זיך אדורך
דורך אָט די ווענט און שלעסער,
און שטויסן זיך צונויף מיט זיינע אויגן.
באַגרייפסטו גוט כאָטש, יאָסעלע, וואָס ס׳מיינט
דאָס זיצן זיינס אַהינטער שלעסער, —
דאָס זיצן ה י י נ ט!
אויף מיינע דינע פלייצעס איז געפאַלן
דאָס פייער פון זיין בלוט אין טעג פון פייניקונג,
פאַרגאָסן ס׳גאַנצע ליב מיינס האָט זיין בלוט,
און דורך דער הויט איז עס אריין צו מיר
אין טיפעניש פון ליב. — — —

יאָסעלע

האָסט אָפּגעדעקט דיין ליב פאַר אים?

דבורהל

ס׳איז אָפּגעדעקט געווען אליין.

יאָסעלע

און ער האָט אָנגערירט דיין ליב?

דבורהל

און איך — זיינס.

יאָסעלע

און מיינס — ניט. —

(רירט זי אָן מיט די הענט)

דבורהל

מע דארף ניט, יאָסעלע, עס טוט מיר וויי.

יאָסעלע

אויך זיין באַדיר האָט וויי געטאָן. —

(פאַרכאַפּט זיך גלייך)

פארגיב, פארגיב.

דבורהל

איך טראָג אין זיך די זאַמען פון זיין בלוט.

יאָסעלע (לאָזט זיך אַראָפּ צו עדר ערד, צו אירע פיס)

איך וויין פון פרייד, פון גרויסער פרייד,

וואָס כ'קאָן זיך אָפּזאָגן פון דער, וואָס איך האָב ליב. — — —

דבורהל

שטיי אויף. איך בעט דיך. —

יאָסעלע (שטייט אויף. רעדט אין טיר אריין)

חנינה, ברודעל,

ס'איז אַלץ נאָך אַ מחיצה דאָ צווישן דיר און וועלט.

די מחיצה זאָל ניט זיין מער.

האַלב גאָט — האַלב מענטש —

מוזסט ווערן מענטש אינגאַנצן;

צי ביזטו דאָס נאָך ניט געוואָרן

דורך בלוט, דורך לייב, דורך דבורהלען? —

אַ, קום ארויס.

(עס עפנט זיך די טיר פון מאַרטערקאַמער. אויף דער שוועל באַווייזט זיך חנינה. זיין פנים—בלייך, ליכטיק, אָבער — ווי ניט פון דער וועלט שוין. זיינע ווערטער — אָפּגעהאַקטע, פעסטע, אָבער ווייטע, זייטיקע. הינטער זיי — רו און באַשלוס. דבורהל פאַרשטעלט איר פנים מיט דער האַנט, נעמט גלייך די האַנט אַראָפּ)

יאָסעלע

משיח בן דוד. ברודערל. — —

(דערשפּירט די ווייטקייט)

מיר זוכן דיך.

און אַלע זוכן דיך און גאַרן זען דיך.

קאַפּעליעס יומטובדיקע שפּילן אומעטום,

און אַלע טאַנצן פריילעך ווי אויף חתונה.

דיין ווינען האָט דאָס פאָלק גאָר ניט געהערט,

און קיינער ווייסט גאָר ניט, אַז דו ביזט דאָ אין תפיסה.

חנינה

געבענטשט זאָל זיין דאָס פאָלק דערפאַר.

יאָסעלע

דאַרפסט גיין צום פאָלק, אַז ניט —

נעמט אַן דאָס פאָלק, אַז איך בין דו. —

ווייל ווי איך האָב זיך נאָר באַוויזן,

האָט אויסגעבראָכן אַ געשריי: אָט קומט בן דוד. —

מיין אויסזען איז אינגאַנצן שוין ווי דיינער. —

פאַרוואָס האָסטו געוויינט?

חנינה

איך וויין ניט מער.

יאָסעלע

אויך דבורהלע האָט אָפּגעוויינט אַ גאַנצע נאַכט.

דבורהל

אָט וויין איך אויך ניט מער.

יאָסעלע

די אויגן דיינע קוקן ווייט און פרעמד.

(פּויזע)

און שווייגסט

(צו דבורהלען)

ער שווייגט.

דבורהל

אוועקגיין?

חנינה

נאָר ניט.

יאָסעלע

דאָס פֿאָלק, ביי ווייס געדעקטע טישן, זיצט
אונטערן הימל אָפֿענעם און וואַרט.
די אויגן אַלעמענס געווענדט צום אויבן־אָן,
צום שטול, וואָס שטייט געגרייט פֿאַר דיר.

חנינה

פֿאַרנעם איס דו.

יאָסעלע

איך?

חנינה

איך גיב דיר אָפּ דעם אויבן־אָן.

יאָסעלע

ווער בין איך דען?

חנינה

ביזט איך — נאָר פֿראַסטער, גאַנצער.

יאָסעלע

פֿאַרשעמסט מיך.

חנינה

ביזט איך, נאָר פֿריילעכער און שטאַרקער און געזינטער.
דאָס פֿאָלק וועט זען אַן אייגענעם אין דיר,
דאָס פֿאָלק וועט זען אין דיר אַ גלייכן,

און דיך מקבל פּנים זיין מיט שמחה. —
פאַרנעם דעם אויבן־אָן און בענטש די בענטשונג.
איך גיב אַ היתר דיר אויף מיין געשטאַלט.

יאָסעלע

און דו?

חנינה

ניט פרעג מיך מער.

דבורהל

איך שפּיר, אַז עפּעס שרעקלעכעס געשעט.

חנינה

דער נס פון פּשטות.

דבורהל

איך שפּיר אַ גזר.

חנינה

גזר פון גאולה.

דבורהל

גזר פאַרוואָס?

חנינה

פאַר בלוט.

דבורהל

ווער איז גוזר?

חנינה

אחריות.

דבורהל

און ווער נאָך?

חנינה

ליבשאַפֿט.

דבורהל (קאָן ניט איינהאַלטן איר געוויין)

זאָל חנינה זיך דערבאַרימען.

חנינה

אויף וועמען?

דבורהל

אויף זיך אַליין.

חנינה

אויף הייסן מדבר־זאַמד איז אויסגעקריצט געוואָרן מיין גורל:
מיין גורל איז — ג ע ב א ט פֿ ו ן ד ו ר ו ת. —
אָבער קיין רחמים קומט מיר ניט.
און שטוב, און טיש, און בעט און רו,
לבנה־ליכט אין שויב — דאָס אַלץ איז ניט באַשערט מיר.
ניט ברויט צו טונקען אין פּראַסטן זאַלץ,
ניט וואַסער צו טרינקען פֿון ליימיקן קריגל,
ניט האַלץ צו האַקן, ניט ערד צו גראָבן,
און קינד אין וויג ניט צו וויגן. — —
קיין רחמים קומט מיר ניט.
זאָל דבורהל אָפּקערן פֿון מיר איר פּנים, פֿאַרלאָזן מיך.

דבורהל

ניין.

חנינה

מיין אויג — געווענדט צו דער שאַרף פֿון האַק,
מיינע הענט — פֿאַרבערנט אין פֿייער פֿון בלוט, — —
אחריות לויכט אין ליכט פֿון ליבשאַפֿט,

די ליפּן זינגען צום געבאָט פון דורות. — — —
קיין רחמים קומט מיר ניט.
(עס קומט אָן ארמילוס)

ארמילוס (מיט פרייד)
בן דוד. גואל צדק.

חנינה
הויב אָן נבואה זאָגן וועגן אים.
(ווייזט אויף יאָסעלען)

ארמילוס
וועגן אים?

חנינה
צי זעסטו ניט מיין ענלעכקייט אין אים?

ארמילוס
איך זע.

חנינה
צי איז ער ניט דער ערשטער אויפגעשטאַנענער פון טויט?

ארמילוס
ער איז.

חנינה
אַנטפּלעק אים, ברענג צום פאָלק אים,
און זאָג נבואה וועגן אים. —
און ער זאָל בענטשן.

ארמילוס
(קוקט לאַנג אויף חנינהן. דערשפּירט, דערפילט חנינהס כוונה. אַן אויפגעציטערטער מאַכט ער אַ טראָט צו אים. שרייט אויס מיט דערוואָרגענעם קול)
משיח בן דוד! חנינה!

חנינה (פעסט)
מיין ווילן איז אזוי.

ארמילוס (באַווירקט־דורכגעלויכטן, האַט פאַרשטאַנען)
איך הער דאָס קול פון אומפאַרמיידלעכקייט,
נאָר זען — זע איך וואונדער. —
אויך מיינע טריט פאַרענדיקן זיך שוין.
דער קרייז פאַרשליסט זיך שוין אינגאַנצן. —
די גוטע רו אויך קומט פאַר מיר,
די ברעמען נעמען שוין זיך צומאַכן.
און דו, זיי גליקלעך, יאָסעלע; —
אויך דו, זיי גליקלעך, דבורהל, —
פון טיפעניש פון ערד די זאָמען שפּראָצן. —
און אויך פון טיפעניש פון לייב. —
די זון מיט ליבשאַפט וואַרימט,
און לעבן קוואַלט אין פּראָסטן שטיין,
און צו אַ שטיין אַ קאָפּ פאַלט צו. —
געקומען איז די לויטערקייט,
און ווי אַ נייגעבוירן קינד
צעשמייכלט זיך דער טויט. —
קום, יאָסעלע, — —
דאָס פאָלק וואַרט.
(ציט פאַר די הענט יאָסעלען מיט קראַפט)
אַ, גיכער, גיכער, גיכער.

(ציט אים אַוועק. אָפּ. דבורהל שטרעקט אויס אירע
הענט צו חנינהן מיט שטומען געבעט)

חנינה
(שטייט אין טיר פון מאַרטער־קאַמער ווי געשטאַ־
נען, ניט־באַוועגלעך, ניטדאַאיק)
זיי געבענטשט.

דבורהל
ווי קאָן איך איצט אַנטקעגיין?

חנינה

קאַן.

דבורהל

וואָס וויל חנינה טון מיט זיך?

חנינה

פאַרלאָז מיך.

דבורהל

פאַרוואָס?

חנינה

דבורהל מוז.

דבורהל

פאַרוואָס מוז איך?

חנינה

כדי דבורהל זאָל לעבן.

דבורהל

פאַרוואָס מוז איך לעבן?

חנינה

כדי דבורהל זאָל טראָגן מיך אין זיך.

דבורהל

וואוהין זאָל איך גיין?

חנינה

צום פאָלק גיי.
צו דיינע קינדער גיי.
צו דער סעודה גיי.

דבורהל

און וואס וועט חנינה טון ?

חנינה

בענטשן דיך.
און דורך דיך — אלעמען.
מיין נעכטיקע ברכה האט זיך איבערגעריסן.
איצט איז מיין ברכה א פולע.
וועסט זי טראגן צו אלעמען.

(גייען־צו צו איר לאנגזאם, לייגט ארויף זיינע הענט אויף איר קאפ. דבורהל צוקט מיט אלע גלידער, בויגט ארונטער דעם קאפ אונטער זיינע הענט)

זיי געבענטשט צום לעבן.
זיי געבענטשט. — זיי שטארק.

דבורהל (מיט געבויגענעם קאפ)

די הענט פון ליבשאפט —
די הענט פון גזר.

חנינה

זאל דבורהל מער ניט זאגן גארנישט. —
זאל דבורהל מיך פארלאזן איצט.

דבורהל

(מיט אויפגעציטערטן געשריי, — רייסט אויף דעם קאפ הויך)
וואס וויל חנינה טון מיט זיך ?

חנינה

(נעמט איר פנים אין זיינע הענט. קוקט איר אין די אויגן לאנג, לאנג)

זאל דבורהל זיך דערמאנען ס׳ווארט פון נעכטן, —
געפרעגט האב איך ביי דבורהלען נעכטן :
צי דאס, וואס דארף געשען און קומען,

צי נעמט עם דבורהל אויף א י נ ג א נ צ ן?
און וואס האט דבורהל מיר געענטפערט?

דבורהל

(באצוואונגען־פארכשופט, ווי אין אן אויפגעלויכ־
טענעם חלום, פליסטערט ארויס)
אינגאנצן.

חנינה

און נאך האב איך געפרעגט:
צי נעמט אויך דבורהל אויף דאס ליד פון רו א י נ ג א נ צ ן?

דבורהל

אינגאנצן.

חנינה

און נאך האב איך געפרעגט:
צי נעמט אויך דבורהל אויף די שטילקייט אין איר הארץ
א י נ ג א נ צ ן?

דבורהל

אינגאנצן.

חנינה

(נעמט אראפ זיינע הענט פון איר קאפ, דערווייַ־
טערט זיך אויף צוריק)
און איצט, געבענטשטער מענטש,
מיין בענטשונג טראג אינגאנצן. —

דבורהל

(נעמט זיך אויך דערווייטערן אויף צוריק צו דער
טיר פון גאס, טרעט אהינטערווייַלעכטס אין דער
זעלבער פארכשופטער, אויפגעלויכטענער פיינ־
לעכקייט, און אירע ליפן זאגן תפילהדיק צוזאמענ־
געבראכן)
אינגאנצן. — — — —

חנינה (רופט)

תליון!

תליון (קומט אריין)

אט בין איך.

חנינה

נעם די האק.

תליון

צו וואס? מע דארף זי שוין ניט מער.

חנינה

מע דארף זי יע. אויף איין מאל נאך.
וועסט גיין מיט מיר.

תליון (מיט שרעק)

מיט דיר? וואוהין?

חנינה

ניט פרעג.

תליון

כ'האב מורא.

חנינה

ניט האב קיין מורא. טו וואס איך פארלאנג.

תליון

אויף וועמען אויפהויבן די האק?

חנינה

ניט פרעג; איך בעט דיך — קום.

תליון

וואוהין?

חנינה

מיט מיר. אין קעלער. אונטן.

תליון

וואס ווילסטו טון דארט?

חנינה

דאס כלו זכאי קאן נאך אלץ ניט אנשטיין, —
ווייל איינער איז נאך דא א חיב.

תליון

ווער?

חנינה

איך.

תליון (אויפגעציטערט, וויל אנטלויפן)

איך וויל ניט. איך האב מורא.

חנינה (באצווינגט)

דו דארפסט ניט מורא האבן. —
מיין ווילן און מיין גזר,
מיין פסק, מיין ווארט —
אויך ד ו נעם אויף איינגאנצן.
קום. — —

(לאזט זיך ארונטערגיין אין קעלער. תליון נעמט
די האק און גייט נאך)

רויטער ווייַן

בילד עלף

פעלדער. ריזיקע איבערגעדעקטע טישן. פאָלק אַרום די טישן. הייליקע סעודה. קאַפּעליעס שפּילן. אַ גאָלדענע זון קייקלט זיך אַרונטער. אַ לאַנגער שלענגלדיקער וועג דרייט זיך און פאַרלירט זיך אין דער ווייטקייט. אין הינטערגרונט — אַ קייט פון בערגלעך

פאָלק (אין כאָר, באַגלייט פון קאַפּעליעס)
ווי אונטער־זון — גאולה־וויַין, —
ער גייט אין בלוט אַריַין.
הויבט הויך דעם בעכער,
הויבט אויף דאָס קול נאָך העכער, —
קול פון מזרח,
קול פון מערב,
קול פון צפון,
קול פון דרום, —
די טויטע וועלן אויפשטיין פון די קברים.

אַז אָפּענע די גאַנצע ערד, —
אוים — גרענעצן, אוים — שווערד,
אוים — אַרים־רייַך; מיר גלויבן
אין מענטש, — דעם מענטש דערהויבן, —
מענטש פון מזרח,
מענטש פון מערב,
מענטש פון צפון,
מענטש פון דרום, —
די טויטע וועלן אויפשטיין פון די קברים.

(פון הינטער די בערגלעך באַוויַיזן זיך ארמילוס און יאָסעלע. בלייַבן שטיין אויף אַ שפּיץ פון אַ בערגל)

ארמילוס (הויבט אויף זיין קול הויך איבערן געזאַנג)

ברידער, —
דאָס ליד פון דער גאולה
הויבט אָן פון אָנהויב.

פאָלק (רייסט איבער)

זאָל לעבן משיח בן דוד,
זאָל לעבן דער נביא!

ארמילוס

דער טאָג פאַרגייט,
די נאַכט וועט גיין מיט אייך
צו אָנהויבן אַ נייעם טאָג
פון אָנהויב.
און איך וועל זיין מיט אייך
ווער ווייסט נאָך וויפל רגעס. —
רגעס, הגעס, רגעס. —
ניט זאָגן קיין נבואות מער,
נאָר שטיל און פריידיק הערן. —
הערט אַלע. אַלע.

יאָסעלע

אָ, ברידער, הערט אַ מעשהלע,
אַ חלום וואָס איך חלום;
אָ, ברידער פון דער גאָרער וועלט,
פאַרנעמט דאָס פּראָסטע מעשהלע,
די וואונדער, וואָס געשעען,
און וועלן נאָך געשעען,
מיט אַלעמען מיט אייך,
און מיט דער מאַמע־ערד,
און מיט איר טייערן בן דוד.

פאָלק

זאָל לעבן משיח בן דוד!

יאָסעלע

די זון וויל שוין אוועקגיין —
אַ, זאָל זי ניט פאַרגיין נאָך;
עס וועלן אויפשטיין היינט
די טויטע פון די קברים,
און מיר'ן אַלע, ברידער,
מיט אויסגעשטרעקטע הענט,
מיט פולע בעכערס וויין,
זיי גיין מקבל פנים זיין,
און אָנפילן דאָס הארץ זיי
מיט ליבשאַפט פון בן דוד.

פאָלק

זאָל לעבן משיח בן דוד!

יאָסעלע

אַ, הערט, הערט ווייטער
די וואונדער פון דעם מעשהלע. — — —
אַמאָל איז געווען אַ קופּע ליים,
אַמאָל איז געווען אַ בוידעם; —
געלעגן איז די קופּע ליים
אין פינצטערניש פון בוידעם; —
האָט געחלומט זיך דעם ליים
אַ שמייכל פון אַ פּנים,
אַ גלעט פון דינע פינגער,
אַ קוש פון הייסע ליפּן. — —
אַזוי האָט אויך געחלומט
משיח אין דער מדבר —
חנינה אין דער מדבר, —
דעם זעלבן, זעלבן חלום —
בן דוד אין דער מדבר.

פאָלק

דערציייל, דערציייל, בן דוד,
דערציייל, דערציייל, חנינה.

יאָסעלע

אַ, ברידער מיינע, ברידער, —
אַז כ׳הער ווי איר זאָגט: בן דוד —
פאַרגייט מיר ס׳הארץ אין ציטערניש,
און איבער מיין געזיכט
גייט אויף אַ נייע ליכטיקייט;
ווייל איצט באַגרייף איך ערשט
דעם זינען פון געשעענעם,
דעם זינען פון מיין יאָמערן
און וויינעשריי פון לייב, —
דעם זינען פון גאולה
דורך הונגער און דורך נויט,
דורך שנאה און דורך בלוט,
דורך אָפּגעהאַקטע קעפּ. —
ערשט איצט גייט אויף פאַר מיר
דער זינען פון מיין פרייד,
די פרייד פון מיינע פיס,
וואָס טרעטן אויף דער ערד
דער וואָרימער פון בלוט. —
אַ, ברידער, ברידער, זעט —
דאָס מעשהלע איז אמת.
געקומען איז די ליכטיקייט
צו רוען אויף אונדז אַלעמען, —
און ווערטער, וואָס איך רעד,
זיינען ווערטער פון בן דוד.

פאָלק

רעד נאָר, בן דוד,
רעד נאָר, חנינה. —

יאָסעלע

בין איך בן דוד? האַ?
יע, איך — יע, איך.
אפילו ווען איך בין

ניט מער נאָר ווי אַ חלום ;
אפילו ווען עס דאכט זיך מיר,
אַז כ'זינק צוריק אין שלאָף,
אין טיפֿן, טיפֿן שלאָף. —
צי איך בין עס בן דוד?
יע, איך בין עס בן דוד.
די זון האָט מיך געברענט,
די מדברדיקע זון,
און קייטן האָבן מיך
געהאַלטן אַ געשמידטן.
מיין ליבּ האָט זיך געוואָרפֿן
אין פֿיבערדיקן אומרו ;
געבענקט האָב איך נאָך אייך,
נאָך חברשאפֿט פֿון מענטשן
פֿון גאָרער, גאָרער וועלט. —
און איצטער בין איך דאָ
דערציילן אייך דאָס מעשהלע,
דאָס מעשהלע פֿון נאַכט,
דאָס מעשהלע פֿון זון,
דאָס מעשהלע פֿון ליים,
וואָס איז געוואָרן ליבּ. —

ארמילוס

דאָס מעשהלע פֿון ליבּ,
וואָס איז געוואָרן ליים, —
וואָס איז געוואָרן שטיין. —
איך — איך — איך —
אָט נעם איך, און איך גיי צוריק צו שטיין.

(ער הויבט זיך אָן וואַקלען, איינפֿאַלן. אַלע אין שרעק שפּרינגען אויף)

פֿאָלק

וואָס געשעט?

ארמילוס

פאַר אײַך — דער קץ,
פאַר מיר — דער סוף.
דער נביא האָט ניט וואָס צו טון מער.
כ'שטרעק אויס מײַן האַנט
צום לעצטן מאָל.
כ'האָב אַלץ געטאָן
און — אָפּגעטאָן.
די שליחות אַלע אויסגעפירט,
און כ'האָב ניט וואָס צו טון מער.
דער נביא איז מיד,
דער נביא איז מיד. —
דערלאַנגט מיר ווער אַ בעכער ווײַן.

(מע דערלאַנגט אים ווײַן. ער האַלט דעם בעכער
אַ ווײַלע, און שטרעקט אים אויס צו יאָסעלען)

הויב דו דעם כוס.

יאָסעלע (קווענקלט זיך)

ארמילוס

נעם,

(יאָסעלע נעמט)

הויב דו דעם כוס,
טרינק דו דעם ווײַן. —
און איך — איך זאָג:
אַ גוטע נאַכט. —

(זינקט אַראָפּ צו דער ערד, פֿאַרוואַנדלט זיך אין
אַ שטיינערנער מאַסע. מהומה און שרעק)

יאָסעלע

האַלט אײַן דעם פּחד, ברידער,
און זיצט אַרום די טישן,
ווי ביז אַהער געזעסן,

און זייט זיך משמח.
דאָס מעשהלע גייט ווייטער,
דאָס מעשהלע פון שטיין,
וואָס איז געוואָרן ליב;
דאָס מעשהלע פון ליב,
וואָס איז געוואָרן בלוט,
וואָס איז געוואָרן וויין.

(הויבט דעם כוס)

לחיים, ברידער, טרינקט.

(אַלע טרינקען. קאַפּעליעס נעמען שפּילן. דאָס פעלד מיטן גאַנצן פאָלק הויבט אָן פאַרשלייערט ווערן, צעווייפּגיסן זיך מיט נאַכט)

יאָסעלע (מיט אַ קול געמישט פון פרייד און געוויין)

אַ, ברידער, ברידער, הערט
דאָס מעשהלע גייט ווייטער, —
אַ זעאונג פון אַ זעאונג,
אַ חלום פון אַ חלום,
וואָס וועקט אונדז אַלע אויף;
אַ חלום פון אַ גוף,
וואָס גייט פון מיר אַוועק; —
אַ, ברידער, ברידער, זעט —
צי גיי איך ניט אַוועק? —
אַ, ברידער, ברידער, הערט —
צי האָב איך נאָך מיין קול?
פאַרוואָס גייט אויף מיין פרייד
צוזאַמען מיט געוויין? —
זינגט נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל, —
ווייל טיפע נאַכט פאַלט צו,
הערט נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל
דאָס מעשהלע פון ליבשאַפט,
וואָס איז געוואָרן בלוט;
דאָס מעשהלע פון בלוט,
וואָס איז געוואָרן וויין.

פאָלק

גאולה־ווייז, גאולה־ווייז,
ער גייט אין בלוט אריין.
הויבט הויך דעם בעכער,
הויבט אויף דאָס קול נאָך העכער.
קול פון מזרח,
קול פון מערב,
קול פון צפון,
קול פון דרום, —
די טויטע וועלן אויפשטיין פון די קברים. —

(טיפע נאַכט פאַלט צו. נאַכט, פאָלק און געזאַנג
ווערן צונויפגעגאָסן אינאיינעם)

L. M. Stein Publisher
913 West Van Buren Street
Chicago, Illinois

387